NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04694

YUNGVALD

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 9—10

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 10, 1989

יונגוואַלד

נומ. 2

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" ● מאָסקווע ● 1989

Содержание

אינהאַלט

Новые произведения		**נײַע װערק**
Борис Милявский. **Уголок моего детства (рассказ)**	3	באָריס מיליאַװסקי. **אין מײַן קינדער־װינקל (דערציילונג)**
Михаил Фельзенбаум. **Две миниатюры**	16	מיכאַיל פעלזענבאום. **צװיי מיניאַטיורן**
Борис Хаис. **Для детей и о детях (стихи)**	19	באָריס כאַיס. **פאַר קליינע קינדער און װעגן זיי**
Наша хрестоматия		**אונדזער כרעסטאָמאַטיע**
Менделе Мойхер-Сфорим. **Менделе рассказывает своим детям**	24	מענדעלע מויכער־ספאָרים. **מענדעלע דערציילט זײַנע קינדער**
Шолом Аш. **Библейские истории**	31	שאָלעם אַש. **מײַסעלעך פון כומעש**
Дер Нистор. **Семья Машбер** (фрагмент)	42	דער ניסטער. **די מישפּאָכע מאַשבער** (פראַגמענט)
Давид Гофштейн. **Стихи**	63	דאָװיד האָפשטיין. **לידער**
Вопросы языка. Нохем Штиф. **«Фун»**	76	**שפּראַך־פּראַגן.** נאָכעם שטיף. **„פון"**
Идиш — ключ к еврейской жизни	93	**ייִדיש — דער שליסל צום ייִדישן לעבן**
Не в бровь, а в глаз	96	**געטראָפן אין סאַמע פּינטל**
Еврейские идиомы в картинках (худ. В. Песков)	97	**ייִדישע אידיאָמען אין בילדער** (קינסטלער װ. פּעסקאָװ)
Из зарубежных еврейских периодических изданий. Даниэль Галай. **Взгляд в будущее**	98	**פון די אויסלענדישע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.** דאַניעל גאַלײַ. **מיטן פּאָנעם פאָרויס**
Учителя курсов идиш: «Мы делимся нашим опытом»	103	לערער פון ייִדיש־קורסן: **מיר טיילן זיך מיט אונדזער דערפאַרונג**
Александр Бродский, Владимир Биткин, Борис Сандлер. **Откровенный разговор**	111	אַלעקסאַנדער בראָדסקי, װלאַדימיר ביטקין, באָריס סאַנדלער. **אַן אופריכטיקער שמועס**
Ефим Шифрин — неожиданный ракурс	119	**יעפים שיפרין — אַן אומגעריכטער ראַקורס**
Письма наших читателей	126	**בריװ פון אונדזערע לייענער**

באָריס מיליאװסקי

אין מײַן קינדער־װינקל

אַ גאַנצע װאָך איז דער הימל געװען אַ שװערער און אַ גרויער, ס'האָט אַן אַן אופהער געשאָטן אַ נאַסער שניי. אַלץ איז געװען װי אָנגעמאָלט מיט אַ שװאַרצן בלײַער, עלעהיי אַף דער װעלט װאָלטן מער קײן פרײדיקע פאַרבן ניט געבליבן. אָבער נעכטן אינדערפרי, װען ס'איז דער נאַטור דערעסן געװאָרן אַזאַ דורכװיסיקע גרויקײַט און מאָרעשכװירע, איז דער הימל פּלוצעם געװאָרן בלוי־לױטער, די זון, װאָס האָט אַ װאָך צײַט ניט געזען די ערד, האָט גע־שטראַלט, און דער גאַנצער אַרום האָט בעהאַדראָגעדיק אָנגעהויבן באַקומען זײַנע געװײנלעכע קאָלירן.

עס װאָלט איצט געװען די בעסטע זאַך אַרויסלויפן אין דרויסן, אָן אַ מאַנטל און אָן אַ היטל, און לאָזן שװימען פּאַפּיר־שיפּלעך. איך האָב שוין אַפילע גע־האַט אַרויסגעריסן פון עם העפטל אַ פּאָר בלעטלעך...

— קריװױטש, צום טאָװל! — האָט דורכגעהילכט װערא קוזמיניטשנעס קאָל.

מיר האָבן אַזש אופגעציטערט, זיך איבערגעקוקט.

— קריװױטש, צי הערסטו ניט? גיי צום טאָװל. — װערא קוזמיניטשנא האָט אָנגעהויבן קלאַפּן נערװעז מיט די פינגער איבערן טיש.

אָט דאָס דאַפקע פעלט אונדז, אַז סאַשקען זאָל מען אַרויסרופן גראַדע אַף דעם געאָגראַפיע־לימעד.

סאַשקע שטײט לאַנגזאַם אוף און לאָזט זיך אומדרײסט גײן צום טאָװל. סאַשקע קריװױטש איז מײַן בעסטער כאַװער. מיר זײַנען מיט אים אויסגע־װאַקסן אין אײן הויף, אינײנעם אַװעק אין שול און אָט שוין קימאַט דרײַ יאָר,

ווי מיר זיצן אף איין שולבאנק, אף דער לעצטער, ווײַל סאשקע איז בא אונדז אין קלאס העכער פון אלעמען.

— אנו, קריוויטש, ווײַז אונדז, ווו איז דאָ ערגעץ דער שווארצער יאם?

סאשקע האָט צונויפגעשלאָסן די ליפּן, אָנגעקנייטשט דעם שטערן, און די אויגן זײַנע האָבן געקוקט אף מיר — „ראטעווען!".

די לעצטע שולבאנק איז דאָס בעסטע אָרט אינעם קלאס. דאָ קאָן מען ניט נאָר, לעמאָשל, שפּילן בישטיקע אין „יאם־שלאכט". אונטערזאָגן פונדאנעז קאָן מען אויך זייער גוט, ווײַזנדיק מיט די פינגער אן אָס אָדער א ציפער. אָבער וואָס טוט מען, אז דײַן כאווער ווייסט ניט, ווו עס געפינט זיך דער שווארצער יאם! דו מאכסט צו אים מיטביידע הענט, אז מע דארף פאָרן מיטן טײַטל אראָפּ־צו, און אָנשטאָט דעם שווארצן שטעקט סאשקע אין דעם ווײַסן יאם, און ער מאכט גאָר א קער ארויף־צו, צו די ווײַסע בערן, דערנאָך פליט ער אריבער די אוראלער בערג און פארענדיקט זײַן רײַזע אין די מידבאָריעס פון מיטל־אזיע, ווו ווערא קוזמיניטשנא האָט אים געפונען שטעקן.

— געקומען, הייסט עס, — גיט זי צו סאשקען א ברייטן שמייכל. — אָנ־שטאָט א שיף האלטסטו פאר בעסער ארומצופאָרן אף קעמלען? בא דיר אין שטוב איז נעכטן, ווײַזט אויס, ווידער געווען א סרייפע אָדער א פארפלייצונג.

סאשקע קערט זיך אום אף זײַן אָרט מיט א פעטער „צוויי".

ביז דעם קלונג איז נאָך לאנג, און אלע ווארטן אף דער לאנגער האפּ־סאָקע, קעדיי זיך לאָזן אין בופעט צו דער מומע טאָסיען נאָך א שטיקל ברויט מיט א קאָטלעט. דער הונגער לאָזט זיך נאָך מער פילן, ווען ווערא קוזמי־ניטשנא הייבט אָן דערציילן וועגן אלערליי פיש, וואָס זײַנען פאראן אין די טײַכן און יאמען, וועגן די אָנטאָליקע סטאדעס פי, וואָס פאשען זיך אף די ראכוועסדיקע קאָלווירטישע פיטער־פעלדער און האלטן אין איין געבן אונדז פלייש און מילך, וועגן סעדער מיט עפּל און בארן, פלוימען און אבריקאָסן. און אין קנאפּע עטלעכע יאָר ארום וועט זיך דאָס אלץ בעשעפע א שאָט טאָן אף אונדז, ווי אין ערגעץ ניט אף דער וועלט.

בא מיר אין פאָרטפעל ליגן עטלעכע שטיקלעך מאצע פאר מיר און פאר סאשקען. איך ווייס, אז ער האָט זייער ליב מאצע, און כ'האָב זי געבראכט גלײַך אין שול. און אָט זיצן מיר און רײַבן ארײַן אף ביידע באקן. ס'איז פייסעך אף דער וועלט. אין דער צײַט פון ערעוו־פייסער, פייסעך און נאָך־פייסעך (אף וויפל ס'וועט קלעקן מאצע) וועלן מיר מיט סאשקען האָבן ניט קיין שלעכטע אָפּשפּארונגען.

ערעוו פייסעך האָט די מאמע זיך אופגעכאפּט פארטאָג, נאָך פרי:ער ווי געווייַנלעך. זי האָט אופגעטאָרעט אונדז, געזאָגט: „איך גיי אין אָטשערעד" (אזוי זאָגט זי אלעמאָל, ווען זי גייט אין קלייט), און איז אוועק.

א גאנצער אוילעם יידן האָט זיך פון גאנצפרי אָן שוין געדרייט לעבן דעם פיש־קרעמל. פייסעך אָן פיש איז דאָך קיין פייסעך ניט. האָט מען זיך שוין פון לאנג איבערגעציילט: הונדערט איין און צוואנציק. הונדערט צוויי און צוואנציק...

מע שטייט שוין עטלעכע שאָ, מע רעדט זיך אָן, מע שמועסט, מע כאָכמעט זיך, מע לויפט אפגיך אהיים א קוק טאָן, צי ס'האָט זיך ניט אויסגעלאָשן דער פרימוס, צי ס'האָט זיך ענדלעך אָפגעקאָכט די הון, וואָס איז אלט הונדערט יאָר, און אלעמאָל קוקט מען זיך ארום און מע הערט זיך צו, טאָמער פירט מען שוין די פיש.

לעסאָף האָט זיך דערהערט דאָס טראכקען פון הילצערנע רעדער איבערן ברוק, און פון הינטער דעם ראָג האָט זיך באוויזן א פערד־און־וואָגן מיט פיש, איבערגעלייגט מיט שטיקער אייַז און מיט זעגעכץ. גלייַך האָט זיך אופגעהויבן א טומל, א לויפעניש, דער אוילעם האָט זיך גענומען אויסשטעלן אין א ריי, און יענע, וואָס זייַנען געבליבן שטיין אין דעם עק, האָבן אָנגעהויבן שרייַען, אז מע זאָל מער ווי צו צוויי פיש ניט געבן, אז בא אלעמען איז פייסעך, ניט נאָר בא יענע, בא די ערשטע. כאָטש אָן פיש וועט סייַווי קיינער ניט בלייַבן. מע קאָן זיך ווענדן צו אזא מענטש, ווי שורקע אפאנאסיעוו, וועלכן מע רופט בא אונדז אין הויף שו־שו־שוריק, מאכמעס זייַן פארהיקען זיך.

שוריק האָט לאנג שוין אָפּגעדינט אין דער ארמיי, אָבער כאסענע האָט ער נאָך ניט געהאט און האלט נאָר אָדער אין איין כאפּן פיש, אָדער אין שפּילן אלע אָוונטן אין דאָמינאָ. אלעמאָל פארשפּילט ער און ווערט דערפון זייער אין קאס און פארהיקעט זיך נאָך מער. שורקע איז א וואָרט־מענטש. זאָג אים נאָר צו א פלעשל, וועט ער דיר ארויסשלעפּן פיש ניט בלויז פון אונטער דער וואסער, נאָר פון אונטער דער ערד. אויך איצטיקס מאָל האָט ער פארדינט מיט קאָוועד זייַן בוטל בא מייַן מאמען.

שוין עטלעכע טעג, ווי מיר מיט סאשקען זייַנען צוגעשטעלט געוואָרן צו די דרייַ הינער, וועלכע דער טאטע האָט געהאט געבראכט פונעם מארק און ארייַנגעזעצט זיי אין א הילצערן שטייַגל. מיר האָדעווען די הינער מיט הירזש און מיט צעווייקטן ברויט, דערפאר לייגן זיי פאר אונדז אייער, וועלכע מיר

טרינקען טייקעף אויס. דער טאטע, קומענדיק פון דער ארבעט, גייט גלייך צו די הינער, שלעפט זיי ארויס איינע נאָך דער אנדערער, וועגט זיי אָפּ מיט די הענט, טאַפּט זיי אויס און גייט, אומצופרידן שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, עסן וואַרמעס.

— עפּעס די הינדלעך פּאָפּראַווען זיך ניט, — לעבט איבער דער טאַטע.

— מיסטאָמע ווייסן זיי ניט, אַז בא דיר איז באַלד פּייסעך, און זייער קאַלכאָז האָט מען זיי, אַפּאַנעם, דאָס ניט געזאָגט. אָבער האָב ניט קיין יעסורים, דיינע העלדזלעך וועל איך שוין יאַקאָס מאַכן, — באַרויִקט אים די מאַמע.

נאָך וואַרמעס האָבן מיר אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון דער שאַפע דאָס פּייסעכדיקע געפעס: שיסלען, טעלער, לעפל, מעסערס, גאָפּלען, א גרויסן פאַניר־טאָוול פאַר אויסקאַטשען מאַצע, עטלעכע מעשענע קעלישעקלעך, דעם זיידנס יערושע, און א גרויס הילצערן שטייסל, וואָס איז אינגאַנצן צעטריקנט געוואָרן פאַר א יאָר צייט ליגן אונטער דער סטעליע.

דער פעטער שימען איז אַריינגעקומען מיט א ניי בלישטשענדיק רעדל, וואָס ער האָט געקראָגן בא זיין באַקאַנטן זייגערמאַכער. דער פעטער שימען איז א הויכער, מיט לאַנגע שטאַרקע הענט און מיט קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך. די באָרד גאָלט ער ניט, נאָר שערט זי אונטער מיט א מאַשינקע, דערפאַר זעט ער אויס שטענדיק ווי א ניט געגאָלטער. דער פעטער שימען איז א גרויסער בעריע אף צו באַקן מאַצע. ער ווייסט, וועלכע און וויפל דאַרף מען האָבן מעל. וואָסער דערגיסט ער זייער לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק און צוביסלעך, אַזוי אַז דער טאַטע, וועלכער האָט שוין געהאַט אַריינגעהאַקט אַלע צוועקעס אין דעם אויסגעטריקנטן שטייסל, פאַרלירט דאָס געדולד און הייבט אָן געבן אייצעס:

— עפּשער קלאַפּט מען אַהער אַריין א פּאָר אייער?

— און א גלאָז צוקער, — כאַפּט אונטער דער פעטער שימען.

— ראָזשינקעס וואָלטן דאָ אויך ניט געשאַט. — גייט אַריין אין קאָן די מאַמע.

— מיילע, מאַכט שוין שיטערער, אַבי גיכער, — בעט זיך דער טאַטע.

און אָט איז דער לעצטער טראָפּן וואָסער שוין אַריינגעגאָסן געוואָרן. די מאַמע הייבט אָן אויסקאַטשען די מאַצעס, און דער פעטער שימען נעמט בעריעש אַרבעטן מיט זיין ניי רעדל.

אינגיכן דערטראָגט זיך פונעם אויוון איבער דער גאַנצער שטוב א גערוך פון פרישגעבאַקענער מאַצע.

אף דער שוועל באַווײַזט זיך אונדזער שאָכן ליאָווע דער פּולעמיאָטשיק. א קוילנוואַרפלער איז ער ניט דערפאַר, ווײַל אַזא איז געווען זײַן מיליטער־פאַך. פּאַשעט ער רעדט פּונקט אַזוי, ווי סע שטעפּט א קוילנוואַרפער.

ליאָווע איז בא אונדז אין הויף א פאַליט־אינפאָרמאַטאָר־אוטאָדידאַקט. ער ווייסט אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך אף דער וועלט — ביכלאַל און ביפראַט, ווייסט אַלץ, וואָס ס׳שטייט געשריבן אין די צײַטונגען, און אפילע מער.

— א גוטן אָוונט, ייִדן! אָ, איך זע, אַז דער פּייסעך איז שוין בא אײַך אף דער שוועל זע איך, — שיסט אויס ליאָווע דער פּולעמיאָטשיק.

ער איז אַרײַנגעקומען, ווי טאָמיד, מיט א פרישער צײַטונג. הייסט עס, אַז ער וועט באַלד נעמען לייענען פון דאָרט עפּעס וויכטיקס, און נאָך יעדער פּראַזע וועט ער צוגעבן זײַנע אייגענע קאָמענטאַרן, פאַרפּינקטלעכן — וואָס דער אווטאָר האָט דאָ געמיינט.

אין שטוב איז געוואָרן גאָר הייס. אין דעם אויוון קנאַקט פריילעך דאָס האָלץ. אף א שטריקל, וואָס הענגט איבערן אויוון, הוידעט זיך לאַנגזאַם מײַן גאַנצער גאַרדעראָב: די הויזן, די זאָקן, דאָס פּידזשאַקל, די שיך — אַלץ, וואָס איז נאַס געוואָרן אף דורך און דורך פאַר א טאָג לויפן איבער די גאַסן, קאַליוזשעס און בלאָטעס, און איך גופע זיץ אײַנגעקוטעט אין א קאָלדרע, מיט די פיס אין אַן עמער מיט זודיקער זענעפט־וואַסער.

ליאָווע דער פּולעמיאָטשיק איז אַרײַן אין רעכטן ברען.

— נו, איצט פאַרשטייט איר שוין, וואָס די קאָלווירטלער ווילן. זיי ווילן זײַן ניט ערגער פון די שטאָט־אײַנוווינער ווילן זיי, מע זאָל אויך האָבן נאָך דער אַרבעט א פרײַע שאָ זאָל מען האָבן, מע זאָל קאָנען גיין אין קלוב, אין קינאָ, פאַרגינען זיך א פאָר טאָן אין שטאָט אף א גוטן קאָנצערט, אין טעאַטער. און די הויף־ווירטשאַפט פּענטעט זיי הענט און פיס, מע זעט, נעבעך, קיין העלן טאָג זעט מען נעבעך ניט. איבער דעם ווילן זיי אָפּגעבן די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט זייערע אין קאָלווירט ווילן זיי, אוועקגעבן מיט די בעהיימעס איביינעם. וועלן זיי קאָנען אַלץ, בעסויכעם פלייש און מילך, קויפן אין קלייט וועלן זיי קאָנען, און דאָס וועט זײַן נאָך איין טראָט צום קאָמוניזם. נו, וואָס זאָגט איר דערויף וואָס? — א צעפּלאַמטער, האָט ליאָווע א וואָרף געטאָן אף אַלעמען א היספּײַלעסדיקן בליק.

אַלע, וואָס זײַנען געזעסן און געקוקט יעדער אין זײַן ווינקל, האָבן זיך א קער געטאָן צום זיגרײַכן ליאָווען, און דער טאַטע האָט נאָך א ווײַלע שווײַגן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט פּאַמעלעך און פאַרקלערט:

— אײַ, סע דרייט זיך א רעדל. באַנאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז דער פֿעטער שימען פֿאָרט אף א גרויס, ווי א שטורוואַל פֿון א שיף, רעדל, ווי אף אן איינראָדיקן וועלאָסיפּעד, איבער א פֿעלד מאַצע, נאָך אים האָט זיך גערוקט א סטאַדע פֿעטע צופֿרידענע קי. די קי האָבן געקײַט מאַצע און געגעבן פֿעטע געשמאַקע מילך. אזוינע בעהיימעס האָב איך שוין געהאַט עטלעכע מאָל געזען פֿאַראיאָרן זומער אין טעלעוויזאָר.

דעם טעלעוויזאָר, דעם איינציקן בא אונדז אין הויף, פֿלעג אַלע אָוונט אַרויסשטעלן אף זײַן פֿענצטער אונדזער הויף־גערטנער און בלומען־ציכטלער (א פֿאַרברענטער ביינדלעך־שפּילער) פּלאַטאָן אָרעפּיעוויטש, און אויב זײַן נאָמען פּלאַטאָן פֿלעג קיין שוועריקייטן באַם אַרויסברענגען אים ניט פֿאַרשאַפֿן, פֿלעג דער פֿאָטערנאָמען, אויב מע וויל אים אַרויסרעדן אָן קירצונגען (אָרעפּיטש), נאָר אײַנגאַנצן, פֿאַרשאַפֿן געוויסע אומבאַקוועמלעכקײַטן פֿאַר דער צונג. דערפֿאַר, מיסטאַמע, האָט מען שוין פֿון לאַנג עס איבערגעדרייט אף אָרעכאָוויטש, צוזאַמען, הייסט עס, פּלאַטאָן אָרעכאָוויטש, אָדער צוליב קורצקײַט — פּאָשעט אָרעכאָוויטש.

יעדן אָוונט פֿלעג אָרעכאָוויטשעס פֿענצטער, ווו ס'איז געשטאַנען דער טעלעוויזאָר „קאַ־ווע־ען" מיט א גרויסער לינזע, צונויפֿקלײַבן א העלפֿט אײַנוווינער פֿון אונדזער הויף. יונג און אַלט זעצן זיך אויס פֿאַרן פֿענצטער אף די געבראַכטע מיט זיך בענקלעך, מע פֿאַרגעסט אף א ווײַלע די היימישע זאָרגן. מיר, קינדער, פֿאַרנעמען געוויס די ערשטע ריי, גלײַך אפֿן גראָז.

עס דערהערט זיך די פֿײַערלעכע מאַרשאַרטיקע מוזיק, דער אוילעם מאָסטעט זיך אײַן וואָס באַקוועמער, מע שטילט אײַן יענע, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוקלאָרן, וויפֿל זשע צוקער שיט מען אַרײַן באַם פּרעגלען אײַנגעמאַכטס און וויפֿל זאַלץ וואַרפֿט מען אַרײַן באַם זײַערן אוגערקעס, און די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקײַט ווערט געווענדט אף דעם עקראַן, ווו עס הייבן זיך אָן די דערמונטערנדיקע לעצטע נײַס און די גוטע יעדיִעס פֿון די פֿעלדער. מיט אומגעדולד וואַרט מען אף די מיטיילונגען וועגן דער רעקאָרד־גערעטעניש, וועלכע מע פּלאַנירט אַראָפּצונעמען הײַנטיקס יאָר.

נאָך די גוואַלדיקע ציפֿערן פֿון פּודן און צענטנערס הייבט זיך אָן דער מולטפֿילם, וועלכן מיר קענען אף אויסווייניק. א קאָלווירטיש פֿעלד ווערט פֿאַרזייט קוואַדראַט־נעסטנווײַז מיט קוקורוזע. אָבער דאָ באַווײַזט זיך דאָס ווילדגראָז, וואָס וויל אף דעם סאַמע פּרעכטיקסטן אויפֿן אומברענגען די יונגע און שיינע מאַלקע פֿון די פֿעלדער. דער סוינע זינגט אַפֿילע וועגן דעם א לידל

(דאָס דאָזיקע לידל קענען מיר אויך אױף אױסװײניק). אָבער אַ נעכטיקער טאָג! עס פֿאָרן אָן פֿון אַלע זײַטן מעכטיקע טראַקטאָרס און װישן אָפּ פֿון דער ערד דאָס גאַנצע מיסטגראָז. די אָפּגעראַטעװעטע קוקורוזע טאַנצט פֿאַר פֿרייד און באַװײַזט אױף װאָס איז זי פֿעיִק: זי איז אי שאָקאָלאַד, אי מאַרמעלאַד און נאָך פֿיל מײַכאָלים, װי אױך אַנדערע נוצלעכע זאַכן. מער פֿון אַלעמען זײַנען צופֿרידן מיט דער דאָזיקער סיטואַציע די מאַזיירים און די בעהיימעס. פֿון דער קוקורוזע װערן זיי אַלע זאַט און נאָך פֿעטער און גלאַטער. דער מולטיק פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ בילד פֿון אַ מילך־טײַך.

בעשאַסמײַסע הייבט זיך אָן בײַ דעם טיש, װוּ מע שפּילט אין ביינדלעך, אַ קריגערײַ — שו־שו־שוריק האָט װידער פֿאַרשפּילט. זײַן געשריי דינט פֿאַר אַן ענד־סיגנאַל: באַלד װעט אָרעכאָװיטש אױסשליסן דעם טעלעװיזאָר, און איך מיט סאַשקען װעלן מוזן גיין שלאָפֿן.

װינקלען אין אונדזער קװאַדראַטן הויף זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך מער פֿון פֿיר. יעדער איינער האָט דאָ זײַן אייגן װינקל: אַ קאָרידאָרל, אַ גאַנעקל, אַ טרעפּל, אַ בײַדל, אַ שטאַל, אַ קאַליטקעלע, אַ קעלערל אָדער אַ בוידעם.

אײַזיק קאַצס װינקל איז אַ קליין הילצערן אױסגעקרימט און אָנגעבויגן הײַזל אױף אַ שטיינערדיקן פֿונדאַמענט. קאַץ איז אַ הויכער זאָקן מיט אַ יאַרמעלקע אױפֿן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און מיט לאַנגע דאַרע הענט.

דערזעען מיך אין פֿענצטער, רופֿט ער מיך גלײַך צו זיך:

— אַנו, בערעלע, קום אַרײַן, ס׳איז דאָ אַ נײַס.

אין זײַן קליין צימערל, װוּ אַלץ איז אַזוי אַלט, װי דער באַלעבאָס אַליין און דאָס שטיבל זײַנס, שטייט אַ קושעטקע, אַ קײַלעכדיקער טיש מיט געטאָקטע פֿיסלעך, אַ צעפּאָרענער סקריפּענדיקער שטול, אַ שאַפֿע, װאָס איר שפּיגל איז באַדעקט מיט געלע זקײניִשע פֿלעקן, און אַ טומבאָטשקע, װוּ עס ליגט אַ שטויס צײַטונגען און זשורנאַלן „קראָקאָדיל". הייסט עס, הײַנט איז אָנגעקומען אַ נײַער נומער.

אַלעמאָל, אַז איך גיי אַרײַן צו קאַצן, זעצט ער מיך אַװעק צום טיש, שטעלט אַװעק פֿאַר מיר אַ שעלכל מיט קאַראַמעל און בעשאַס איך באַטראַכט די בילדלעך אין אַ פֿרישן „קראָקאָדיל", קוקט ער אױף מיר, זיצנדיק אױף זײַן האַרטער קושעטקע, שאָקלט אַ ביסל צו מיט זײַן גאַנצן קערפּער און שעפּטשעט עפּעס צו זיך אַליין. אַמאָל רײַסט זיך בײַ אים אַרויס עפּעס אַ ניגנדל אָן װערטער, נאָר ס׳װערט גלײַך פֿאַרשטיקט, און ער, אָפּקערנדיק זיך אין אַ

זײַט, ווישט אָפּ מיט א טיכעלע זײַנע פּײַכט־געוואָרענע אויגן און ציטערנדיקע ליפּן.

דער אלטער ווייסט, אז איך האָב זייער ליב קאריקאטורן. אין לעצטן נומער זײַנען מיר אמערסטן געפעלן געוואָרן צוויי. אף איינער איז געווען אָנגעמאָלט א סטיליאגע, זייער ענלעך אף אונדזער שוריקן — אין די זעלבע שמאָלע הייזלעך אף דאַרע קרומע פיס, ער שטייט אין ארומרינגלונג פון עטלעכע פריילעכע דרוזשיניקעס. איינער פון זיי האלט שערן אין די הענט. שוריקן האָט מען טאקע איינמאָל צעשניטן די הויזן אפן טאנצפלאץ. ער האָט דעמלט זיך גוט אָנגעשיקערט און זיך געזידלט אפן גאנצן הויף.

אף דער צווייטער קאריקאטור איז בא א גרויסן שרײַבטיש געזעסן זייער א סאָלידער מאנספארשוין, אפן קאָפּ בא וועלכן איז אָנשטאָט האָר געוואקסן גראָז, און דאָס זעלבע גראָז האָט דורכגעשפּראָצט פון אלע שופלאָדן פונעם טיש. אונטן איז געווען אָנגעשריבן: „דאָלאָי טראוואָפּאָלשטשיקאָוו!". זייער ריכטיק! פאר אלעמען איז דאָך קלאָר, אז די בעהיימעס, היינער און אנדערע פי דארף מען האָדעווען מיט קוקורוזע, נאָר ניט מיט קיין גראָז, דאַן וועט בא אונדז זײַן מילך און אייער איבערגענוג, אפילע אָן אָטשערעד, און מע וועט, ווי עס האָט אונדז געזאָגט ווערא קוזמיניטשנא, קאָנען עסן נאָר אומזיסט און וויפל דו ווילסט אײַזקרעם, שאָקאָלאדקעלעך. און דאָס איז נאָך ניט אלץ — מע וועט אָפּשאפן די בילעטן אף טראמוויי. דעמלט וועלן מיר קאָנען ארומפאָרן א גאנצן טאָג און זיך ניט באהאלטן פון דער בייזער קאָנדוקטאָרשע...

— געלעגן איז א כאזער אף איין זײַט און האָט זיך איבערגעקערט אף דער אנדערער, — האָט איבערגעריסן מײַנע זיסע טרוימען אײַזיק קאץ. ער איז געשטאנען איבער מיר און האָט אויך ארײַנגעקוקט אינעם זשורנאל.

— איצט, בערעלע, הער מיך מיט קאָפּ. הײַנט, אז דײַן טאטע וועט קומען פון דער ארבעט, וועסטו צו אים צוגיין און זאָגן: „טאטע, איך וויל בא דיר פרעגן פיר קאשעס".

— וואָס זאָל איך בא אים פרעגן?

— פיר קאשעס.

— גאנצע פיר?

— יאָ, ס'איז דאָך אזא יאָמטעוו, אז א ייִנגל זאָל פרעגן בא דעם טאטן פיר קאשעס.

איך בין ארויס אין הויף א צעמישטער. נא דיר גאָר קאשעס! כ'ווייס, אז

די מאַמע גרייט געפילטע פיש, צימעס, אַ העלדזל, אַ שטיק לעקעך. אָבער קאַשע! דאָס געריכט איז ניט פאַר מיר.

— נו, באָרעך, מעגסט זיך פרייען, מײַן מאַמע וועט הײַנט באַקן פּאַס־קעס, — טיילט מיר מיט סאַשקע, — אַנו, גיב נאָך אַ שטיקל מאַצע.

פּאַסקע. ס׳איז דאָך אַזוי געשמאַק, זיס, ס׳צעגייט זיך מאַמעש אין מויל, מע דאַרף עס אַפילע ניט קײַען. מאָרגן וועל איך זיך מעכײַע זײַן מיט פּאַס־קע, ווי הײַנט סאַשקע מיט מאַצע.

אינדערפרי גייט צו אונדז אַרײַן סאַשקעס טאַטע, דער פּעטער וואַניע.

— גוט־מאָרגן, כריסטאָס וואָסקרעס. אָט, מײַן פּאָלינע האָט אײַך איבער־געגעבן אַ מאַטאַנע.

ער שטעלט אַפן טיש צוויי גרויסע שמעקנדיקע צוגעברוינטע פּאַסקעס, באַגאָסענע פון אויבן מיט צוקער־סיראָפּ און באַשאָטן מיט געפאַרבטן הירזש.

דער פּעטער וואַניע איז שוין פון אינדערפרי אָן אונטער אַ קויסע. דאָס איז זײַן געוויינלעכער צושטאַנד, בא וועלכן ער איז זייער אַ גוטער, אַ באַ־ריידעוודיקער, הייבט אָן גלײַך עפּעס דערציילן, ביפראַט אַ מילכאָמע־עפּיזאָד, איבערמישנדיק די ווערטער מיט שטענדיקע „אַזוי“, „אָט“, „נו“, „דאָס הייסט“, „אַזוי צו זאָגן“.

צו מײַן מאַמען האָט סאַשקעס טאַטע אַלעמאָל איין־איינציקע ביטע, וועלכע ער לייגט אויס אַף ייִדיש:

— לייע, גיב אַ קערבל.

מיט „אַ קערבל“ מיינט ער אַ פינף־און־צוואַנציקער, וועלכער געפינט זיך בא דעם פּעטער וואַניען קימאַט אין אייביקן באַנוץ: אויב הײַנט גיט ער אָפּ דער מאַמען דאָס געלט, בעט ער עס מאָרגן אינדערפרי אַף צוריק. אָבער די מאַמע מאַכט ניט פון דעם קיין וועזן:

— עס זאָל מיר קומען פון דעם ערגסטן, איידער פון מיר דעם בעסטן.

— נו־ס, וואָס זאָלן מיר פון דיר מאַכן, ווידער אַ טשובטשיק? — פרעגט בא מיר פריילעך מענוכין און שטעלט אַוועק זײַן סאַקוואָיאַזש אַפן פענצטער־ברעטל. ער האָט געמעגט ניט פרעגן, ווײַל ס׳איז דאָך אַזוי קלאָר: דעם טאַטן — פּאָלובאָקס, מיר — אַ טשובטשיק. איך מיט סאַשקען טראָגן די זעלבע פריזור — טשובטשיקלעך. בא סאַשקען איז עס אַ ווײַס, ווי אַ דאַשעק פון אַ היטל, און בא מיר איז דער טשובטשיק אַ געלער.

מענוכין איז, ווי טאָמיד, געווען אין זיין אַלטן ווייסן אַנצוג, אַן אויסגעפרעסטן און ציכטיקן, וואָס זיצט ווי אויסגעגאָסן אויף זיין יינגלשער פיגור. פון מענוכינען שמעקט מיט פּארפום, זיינע ווייסע פּאַרוסין־שיך זיינען באַפּוצט מיט ציינפּודער. ער לייגט אַרויס פון זיין סאַקוואָיאַזש דאָס געצייג: קעמעלעך, שערן, א מאַשינקע און א ריין אַנגעקראָכמאַליעט לייַלעכל. אוועקגעזעצט מיך אנטקעגן דעם שפּיגל, נעמט זיך מענוכין פאר דער ארבעט. מענוכין ארבעט פּאַוואָליע, מיט האַפּסאָקעס. א סטעזשקע מיט דער מאַשינקע — און א קער צו דעם טאטן מיט א וויץ, מיט א כאָכמע, מיט א פראגע, אויף וועלכער ער גיט טייקעף אַליין דעם ענטפער.

דערנאָך הייבט ער אָן דערציילן א פּאָר מייסעס, וועלכע מיר ווייסן שוין קימאַט אויף אויסווייניק.

די ערשטע מייסע איז וועגן דעם, ווי ער, מענוכין, איז מיט 45 יאָר צוריק געווען א יונגער, הויכער און שיינער באָכער און האָט אין דער שטאָט יאַלטע געהאַלטן א פאריקמאכערייַ. עס האָט זיך בא אים געגאָלט און געשוירן דער פּאָליצמייסטער אַליין. האָט ער אים, מענוכינען, געזאָגט: „דו, מענוכין, ביסט בא אונדז דער סאַמע לייַטישער ייִד, קיינעם נאַרסטו ניט אָפּ, קריכסט ניט אין קיין רעוואָליוציע, דו האַלטסט פון דעם קייסער. אז מע וועט זיך נעמען פאר אייַער אייִדע, איז זאָלסטו וויסן, אז איך וועל דיך אין נויט ניט פארלאָזן".

די צווייטע מענוכינס געשיכטע. אין יאָר 1915 איז ער געגאַנגען אין אַטאַקע אויף די דייַטשן, האָט א קויל געטראָפן אין דער קאָלבע פון זיין ביקס, וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן, און א צווייטע קויל האָט געטראָפן אין דער לינקער האַנט אונטערן אָרעם. דער ביין האָט זיך בא אים נאָכדעם צונויפגעוואַקסן ניט ריכטיק, און פון דעמלט אָן איז די האַנט זיינע געוואָרן קירצער. צוליב דערווייַזן דאָס ציט ער אויס די ביידע הענט פאָרויס, און מיר זעען, אז די רעכטע האַנט איז בא אים ווירקלעך לענגער פון דער לינקער.

— ער, מאָלאָדיאָזשו! — זאָגט מענוכין צו מייַנע טאַטע־מאַמע. — וואָס ווייסט איר און וואָס האָט איר געזען! אייַ, סאַרא לעבן ס'איז געווען! אז איך בין געקומען אַהער אין שטאָט אויף אָט דער־אָ גאַס צו מייַן כאַנעלען, זאָל זי מיר זיין געזונט, איז שוין געווען דער נעפּ. איר האָט געוויס געהערט עפּעס וועגן נעפּ. וואָס איז דאָס אַזוינס נעפּ? דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס עס איז געווען פריער, נאָר מיט א רויטער פאָן. אויף אונדזער קליין געסל, זאָלט איר וויסן, האָט מען געקאָנט דורכמאַכן דאָס גאַנצע לעבן און אין ערגעץ קיין

טראָט ניט שטעלן. ווײַל טאָמער ווילט איר זיך אויסבאָדן, איז אָט האָט איר אײַך א מערכעץ מיט ביר און קרעפסן, איר דארפט האָבן א פריש־שמעקנדיקע בולקע, איז נאט אײַך די בולקע, ווייך און הייס, ערשט פונעם אויוון ארויס, עס האָט זיך אײַך פארגלוסט א שטיקל קאָלבאס, איז ביטע שיין, אָט אנטקעגן דערלאנגט מען אײַך דעם בעסטן קאָלבאס אף געזונט־שמאלץ, וואָס שמעקט אף א האלבער שטאָט, א פּאָר שיך דארפט איר האָבן, איז גייט צו יאָסל דעם שוסטער, וועט ער אײַך פאר א שאָ צײַט אויסמײַסטערעווען אזעלכע פּאָר שיכלעך, א כּיעס צו קוקן און נאָך מער כּיעס צו טראָגן. הײַנט די יידישע סטאָלאָווע מיט מײַכאָלים אָן א צאָל... אײַ, וואָס רעדט איר! איך פארשטיי אָבער ניט בלויז איין זאך: ווער האָט דאָס אַלץ געשטערט?

באם געזעגענען זיך איז מענוכין געוויר געוואָרן בא דער מאמען, ווען איז דער נאָענטסטער יאָמטעוו, ער זאָל, כאָלילע, קיין שער ניט נעמען אין די הענט.

מענוכין לאָזט זיך קיינמאָל ניט זען אין הויף. מע זעט אים מיט זײַן מענוכינשע גיין אלעמאָל שפּאצירן אף דער גאס. זיי גייען פּאַוואָלינקע. די צוויי מילדע אלטע לײַט. ער — אין זײַן ווײַסן אָנצוג, זי — אין א טונקל קלייד אף דער מיידלשער פיגור. מע גייט האנט בא האנט, מע רעדט שטיל, מע שמייכלט איינער צום אנדערן, מע גיט א קוק איינער דעם אנדערן אין די אויגן.

צוויי מאָל א כוידעש קומט ארײַן צו אונדז אין הויף באָרעך דער שוסטער, א קליין אײַנגעהויקערט יידל. א גאנץ יאָר גייט באָרעך דער שוסטער אין שטיוול מיט פּאריסענע נעזער און האָט גראָבע שערשאווע הענט. אז ער גייט, קוקט ער גלײַך אונטער די פיס, ווי ער זאָל מוירע האָבן אומצופאלן. זײַן פּאָנעם שמייכלט טאָמיד און אפילע דאן, ווען זײַנע אויגן שטעלן זיך אָפּ אף איין אָרט און דריקן אויס טרויער, פארלאָזט ניט אלציינס דער שמייכל זײַן פארדײַגעט פּאָנעם.

קיינער ווייסט ניט, וויפל איז ער אלט, און קיינער געדענקט אים ניט קיין יונגן. אלעמען דוכט זיך, אז ער איז טאָמיד געווען אזוי אלט און געראונצלט.

באָרעך דער שוסטער ברענגט מיט זיך א גרויסן פארלאטעטן זאק, פול מיט צורעכט געמאכטע שיך. ער צעשטעלט פּאָרלעכווײַז די שטיבלעטן, שטיוול, סאנדאלעטן אף דעם דאָמינאָ־טיש, ווי אף אן אויסשטעלונג, גייט אָפּ אין א זײַט און האָט האנאָע, קוקנדיק אף זײַן ארבעט. און ווירקלעך, זײַנע רוב־

טשיקלעך, בלעטלעך, קנאָפּלען ליגן אַף זייערע ערטער אַקוראַט, ווי זיי וואָלטן דאָרטן טאָמיד געווען.

די מעקאָכים פאַר יעדער אָפּעראַציע זײַנען בײַ אים אײַנגעשטעלט געוואָרן שוין פון לאַנג, דעריבער פלעגט דאָ קיין דינגעניש ניט אויפקומען. זיך צע־צאָלנדיק מיט דעם שוסטער, לאָזן אים אונדזערע ווײַבער אַ נײַע אַרבעט, און אָנוואַלגער פון שוך־אַלטוואַרג.

יעדע פּאָר שיך, וועלכע ער דאַרף נעמען מיט זיך און אומקערן זיי צום לעבן, נעמט ער אַזוי אַקוראַט אין די הענט, באַטראַכט עס מיט אַזאַ שמייכל, אַז מע זעט גלײַך — באָרעך האָט זיך באַגעגנט מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, וועל־כער איז שוין עפּשער ניט איין מאָל געווען בײַ אים אין די הענט.

— נו, טיאָזקע, — זאָגט צו מיר באָרעך דער שוסטער, — דו גייסט שוין אין שול? און דו ווייסט, וויפל איז צוויי מאָל צוויי? פיר? אײַ, אַ מאָלאָדיעץ! נו, לערן זיך גוט, אָן לערנען איז מען קיין מענטש ניט. וועסט זיך, מיר־טשעם, אויסלערנען, ווערן גרעסער, וועסטו קאָנען ווערן אַפילע אַ שוסטער. און אַ גוטער שוסטער איז הײַנט אַ מעציע.

איין מאָל אַ יאָר, יאָמקיפּער, קומט צו אונדז צו גיין מײַנע עלטערנס אַ באָס־איר, אַן אַלטע, זייער אַ דיקע און זייער אַ גוטע פרוי. זי הייסט סאָרע ניסלס. סאָרע ניסלס קומט אַרײַן אין אָוונט, בלײַבט בײַ אונדז נעכטיקן, און אינדערפרי גייען זיי מיט דער מאַמען אין שול. און דערווײַל רעדט מען זיך אויס. מע האָט זיך אַ יאָר צײַט ניט געזען, און פאַר אַזאַ לאַנגער צײַט זײַ־נען דאָ אַ סאַך נײַס, אַז די אייניקלעך וואַקסן אונטער, קיין אײַנהאָרע, אַז די אייניקלעך ווערן געבוירן, זאָלן זיי איר זײַן געזונט.

מע זיצט אַרום טיש און מע האַלט אין איין רעדן פון הײַנט און פון נעכטן, פון שטאָט און פון שטעטל. וועגן געזונט איז שוין אָפּגערעדט. עס טוען ווי די הענט מיט די פיס, דער קאָפּ און די קריזשעס און אַליין איז מען, נעבעך, אויך גוט קראַנק.

שוין ליגנדיק אין בעט, הער איך זיך צו צו זייערע רייד, וועלכע הייבן זיך אָן געוויינלעך פון „און איר געדענקט?"

און אָט פאָר איך מיט מײַנע טאַטע־מאַמע אַף אַ טראַסקענדיק פורל איבער די קרומע פאַרשטויבטע גאַסן און געסלעך פון דעם פאָלעסיער שטעטל אַף אַ שטיל פאַרשלאָפן טײַכל מיט אַ געדיכטן וואַלד פון ביידע ברעגן. איך זע פאַר זיך די מענטשן, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט בײַ דעם טיש, איך

זע מײַן זיידע באָרעכן, נאָך װעלכן איך טראָג דעם נאָמען און װעלכן איך קען נאָר לויט אן אלטער פאָטאָגראפיע. איך זע אים זיצן אין זײַן קרעמל, װוּ ער פירט גראָשנדיקע געשעפטן קוים אף װי־עס־איז ציִען די כאיובע. צװישן זײַנע זעלטענע קונים איז א קליין אָפּגעריסן פארמורזעט ײִנגעלע, זײער ענ־לעך אף מיר.

— רעב באָרעך, גיט מיר אן אכטל בוימל אף א קאָפּיקע אין אײַער קיילע און אף באָרג (די מאמע האָט אזוי געבעטן...).

דאָס פורל טראָגט אונדז װײַטער, פארבײַ די אָנגעבויגענע שטיבלעך מיט האלב־אײַנגעפאלענע פלויטלעך. עס זיצן און שמועסן װײַבער, עס גייען ניט געײַלט ייִדן מיט לאנגע בערד, קליינע קינדער שפּילן זיך, טופּען איבערן שטויב. מיר פאָרן ארויס אף א ברייטן שליאך, אין א ראכװעסדיק פעלד מיט זאפטיקע גראָזן און זיסע רייכעס פון אלערליי בלומען, װאָס איך האָב נאָך אין מײַן לעבן ניט געזען און ניט געהערט. דאָס שטעטל בלײַבט שוין העט װײַט, עס װערט אלץ קלענער און װערט מיט זײַנע שטיבלעך מעגולגל אין א מין בילדל פון א קישעף־מײַסע, װאָס קומט נאָר אין כאָלעם און װאָס װערט סאָפקאָלסאָף פארשװוּנדן, קעדיי זיך שוין מער קײנמאָל ניט אומקערן.

דער הארבסט קוקט שוין ארײַן אין די פענצטער מיט פאלנדיקע געלע בלעטער, מיט לאנגע רעגנס און קאלטע װינטן.

מע זאָגט צו א נאָענטן און הארבן װינטער. מע דארף שוין גרייטן דעם שליטן און שארפן די גליטשערס.

מיכאָעל פעלזענבאום

צוויי מיניאַטיורן

מײַן מאַמעס הענט

אָ, טײַערע און צאַרטע נעשאָמעס, איר זײַט אָנגעזאַפּט מיט די ווייטיקן פון דער גאַנצער וועלט.

אָ, מאַמעס פון אומעטום, איר זײַט די קרוין פון דער וועלט.

אָ, מײַן יִדישע מאַמע! איך ריר מיך צו צו דײַנע הענט, ווי צו דער גרעסטער הייליקײַט. דער פּאַרמעט פון דײַנע הענט איז פאַרשריבן מיט קנייטשן, ווי מיט טיפזיניקע שורעס.

איך לייען אין דײַנע הענט פרייד און טרויער, ליידן און כאָכמע. בלויע וועגעס, ווי אָנגעפּילטע טײַכן, דורכקוויקן דעם אַלטן פּאַרמעט. יעדער קנייטש איז א צייכן צום זיקאָרן פון דײַנע ווייטיקן, מאַמע.

אַלע דײַנע וואַכע נעכט, אַלע דײַנע טרייסטלאָזע טרערן, יעדער טראָפּן פון דײַן בלוט, — דאָס אַלץ איז אײַנגעזאַפּט אין דעם פּאַרמעט.

איך קום צו מײַנע אָוועס, שלאָג זיך דורך א וועג דורך די בײַנער אין אָשווענטשים, דורך דעם בלוט אינעם טײַך ריין. אין די קנייטשן פון דײַנע הענט, מאַמע, זע איך די אייביקײַט פון מײַנע אָוועס.

די זקיינים, שעפּטשענדיק הינטער די בערד: „שמא יִסראָעל...", האָבן דער־טראָגן צו אונדז פון די כורוועס, באַגאָסן פון בלוט, פון די שײַטערס, ליכטי־קער ווי די זון, — מײַן מאַמעס הענט.

הערט, דאָרשטיקע צו וויסנשאַפט, באַמיט אײַך נישט מיט ביבליאָטעקן, טוליעט אײַך צו צו מײַן מאַמעס הענט.

קיין איין אויצער פון כאָכמע, קיין איין מוזיי קאָנען ניט אײַנזאַפּן אין זיך אַזויפיל וויסן און אַזויפיל ליידן, ווי מײַן מאַמעס הענט.

פרוווט פארשטיין דאָס אומעגלעכע, פרוווט ארומנעמען דאָס אַנזעעוודיקע, רירט אײַך צו צום קוואַל פונעם לעבן — טוליעט אײַך צו צו מײַן מאַמעס הענט.

אָ, פאַרמעט פון מײַן מאַמעס הענט, איך קוש דיך ווי א הייליקייט.

און טאָמער וואָלט מײַן וואָרט געקאָנט ווערן אַן אויסקויף, — זאָל עס ווערן.

טרערן

דאָס ערשטע, וואָס איז געבליבן אין מײַן זיקאָרן...

ס׳קליינע שטיבעלע, ווו מיר האָבן געוווינט, איז אַרײַנגעוואַקסן האַלב אין דר׳ערד, און דאָס פענצטער צום הויף איז געווען גלײַך מיט דער ערד. ווען די מאַמע איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי מיך איבערגעלאָזט זיצן אויפן פענצטער־ברעטל. שאַנלאַנג בין איך געזעסן אויפן פענצטער־ברעטל און באַטראַכט, וואָס עס טוט זיך אין הויף. אין אונדזער הויף האָט זיך געפונען די צויג זשאַנע. זשאַנע איז געווען א גרויסע געל־ברוינע צויג מיט ווײַסע זײַטן. איך מיט זשאַנען זײַנען געווען אין איין גרייס. איין מאָל אין יאָר פרילינג־צײַט, האָט זשאַנע זיך געצויגט און געהאַט קליינע הינטעלעך. איך האָב מיט גרויס נאַכעס צוגעקוקט, ווי זשאַנע טראָגט איבער די קליינע הינטעלעך פון איין פלאַץ צום אַנדערן.

ווײַזט אויס, אַז אין אונדזער שטעטל זײַנען געווען א סאַך פאַרוואָגלטע הינט. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך באַוויזן אויף דער גאַס די הינטשלעגער און געשאָסן די אָרעמע, פאַרוואָגלטע באַשעפענישן.

ווען ס׳האָט זיך געהערט א שיסערײַ אויף דער גאַס, האָט זשאַנע זיך געאײַלט צו די הינטעלעך און זיי איבערגעטראָגן צום פענצטער, ווו איך בין געזעסן. זשאַנע האָט זיך אַוועקגעלייגט הינטער דעם פענצטער, פאַרשטעלנ־דיק די צויגעלעך און מיך אויך פון א פרעמד אויג. דורך זשאַנעס לײַב האָב איך ניט געקאָנט באַמערקן, וואָס עס טוט זיך אין הויף. מיט אַן אַנגעשטרענג־טער באַמיִונג בין איך אויפגעשטאַנען אויפן פענצטער־ברעטל און האָט דערזען א שרעקלעכע שווארצע ביקס, וואָס איז געווען אָנגעצילט אין מײַנע אויגן.

זשאַנע האָט זיך איינגעקוועטשט, אירע זײַטן האָבן זיך באַוועגט, ווי דער גרויסער בלאָז־זאַק פֿונעם קאָוואַל.

דערזעענדיק מיך, איז דער הינטשלעגער פֿאַרשטאַרצט געוואָרן און אַראָפּ־געלאָזט די ביקס.

זשאַנע האָט שווער געדעכעט, אַרויסשטעקנדיק די צונג.

דער הינטשלעגער האָט געוואָרפֿן שטיינער אין דער צויג, ער האָט געפּרוווט זי פֿאַרטרײַבן מיט אַ שטעקן פֿונעם פֿענצטער, נאָר זשאַנע האָט זיך אַפֿילע ניט גערירט.

דער הינטשלעגער האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אויפֿגעהויבן די ביקס, ער האָט געצילט אין דער צויג, און יעדעס מאָל האָט ער די ביקס אַראָפּ־געלאָזט. די הינטעלעך האָבן געזויגן די מילך בײַ דער צויג, אוועקשטופּנדיק איינס דאָס אַנדערע.

דער הינטשלעגער האָט אַ שפּײַ געטאָן אין מײַן זײַט און איז אוועק־געגאַן מיט קלאָלעס.

זשאַנע האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּיסקל, און איך האָב דערזען אין אירע אויגן טרערן.

●

עס איז באַוווּסט, אַז אַ מענטש איז יונג ניט בלויז לויט די יאָרן. ס׳טרעפֿט צומאָל, און טאַקע זייער אָפֿט, אַז אַן „אַלטער״ איז יונג, און אַ „יונגער״ — פֿאַרקערט. מיר זײַנען מיט דעם אויסן צו רעקאָמענדירן אַ דיכטער, וואָס איז שוין אַלט, אַף וויפֿל מיר ווייסן, באַ זיבעציק יאָר, אָבער אין „סאַוועטיש היימלאַנד״ (נומ. 3, 1989) האָט ער זיך באַוויזן אַלס אולטראַ־נײַער, יונגער שריפֿט־שטעלער. באַזונדערס טשיקאַווע איז דאָס, וואָס זײַן דיכ־טונג איז אַ קינדערשע, ד״ה. געשריבן פֿאַר און וועגן יידישע קינדער.

האַקיצער — לאָמיר אַרײַנקוקן אין דעם נײַעם ציקל פֿון באָריס כאַיִסעס לידער.

באָריס כאַיִס

פֿאַר די קליינע קינדערשוועגן

די קראַנקן־שוועסטער

אַ ווײַסן טאַש פֿון לײַוונט
און אַ פֿאַטשיילע
מיט אַ רויטן ציילעם
טראָגט מײַן שכיינע עסטער —
אינעם קלאַס די קראַנקן־שוועסטער.
ווען עס טרעפֿט זיך עפּעס־וואָס
(מיט אַ קני, צי מיט אַ נאָז),

באשמירט די שוועסטער באַלד מיט יאָד,
און זאָגט: „דאָ סוואדבי זאזשיוויאָט!"
דעם פאַך קען עסטערקע שוין גוט,
און ליידן קאָן זי ניט קיין בלוט...

נאָך דער שיקע־שער

וואָווע האָט מיך געבעטן: „ניומע,
גיי, זיי מויכל, צו אווראָמען
און זאָג, אז איך דאַרף האָבן זייער
אַף א האַלבער שאָ די שיקע־שער".
דער האָט מיך אָפּגעשיקט צו קסיעלן,
קסיעל דער קרומער — צו ראַכמיעלן,
ראַכמיעל — אין פּאָטשט, צום בריוונטרעגער...
אזוי ביז ארום זעקס אזייגער,
צי עפּשער זיבן אַפּדערנאַכט,
און יעדער האָט פון מיר געלאַכט.
נאָר מער פון אַלע — וואָווע. ער
האָט אויסגעטראַכט די שיקע־שער...

א פארגלייך

ווו איר ווילט בין איך געווען.
כ'האָב פיל גרויסע שטעט געזען,
אפילע אין בערדיטשעוו,
נאָר שענער פון מיין יישעוו,
מיין יעדינעצער געגנט,
אין ערגעץ ניט באַגעגנט.

דער רײַטער

פֿלי, מײַן פֿערדל, ווי א וויכער,
אויב דו קאָנסט — אפילע גיכער!
ווייס: איך האָב קיין מוירע ניט,
כ׳בין א רײַטער, א דזשיגיט.
קוק ניט, וואָס איך בין א קלײנער —
בא מײַן מאמען בין איך אײנער...

דער מאמעס ווינטערדיקע זאָרגן

— דאנקען גאָט שוין, וואָס אצינד
פֿילסטו בעסער זיך, מײַן קינד.
הוסט שוין ניט, ווי האָסט געהוסט,
און עפעס עסן דיר זיך גלוסט.
כ׳האָף, אז אין א וואָך ארום,
וועסט שוין לויפֿן אומעטום,
ווידער שפּילן אין האָקיי,
נאָר כ׳בעט דיך: עס ניט מער קיין שניי.
— שניי, מאמע, עס איך ניט, כ׳שלינג
נאָר דעמלט, ווען איך וויל א טרונק.
ווײַל דאָרטן, ווו איך שפּיל האָקיי,
טראָגט קיינער מיר ניט צו קיין טיי...

מײַן אלטע היים

ניטאָ דאָס שטיבעלע פֿון לײם,
וואָס איז געווען אמאָל מײַן היים.
ניטאָ דער מארק, ניטאָ די שטיבער,
די שמאָלע געסלעך מיט די גריבער.

ניטאָ שוין מער די שניידער־שול,
און בא דעם טײַך — די וואסערמיל.
לענגויס דעם ברעג איז אַף דעם אָרט
איצט אויסגעוואקסן א קוראָרט.
מײַן בײַע דירע איז מעסוקן שיין.
נאָר אונדזער שטיבעלע פון ליים,
מיט דער צעלעכצטער דרויסן־טיר
קומט זייער אָפט
צו כאָלעם מיר...

אין זאָאָגאָרטן

פאר א יאט, ווי איך, איז שווער
צו דערטראָגן ביז אהער,
פאר די כײַעס און די פייגל,
טייטלען, מערן, גרויפּן, היי,
נאָר — איך סטארע זיך פאר זיי.
סטעלניק טראָג איך פאר דעם בער,
פאר דעם האָז — א זיסן מער,
פאר דעם העלפאנד און דעם יאק —
גערשטן, היי א גאנצן זאק.
פאר די מאלפעס, וועלכע בעטלען, —
צוויי באנאנען און פיר טייטלען.
כ'האָב געבראכט פאר אלע עסן,
נאָר אין זיך אליין פארגעסן...

אונדזער כרעסטאָמאַטיע

- מענדעלע מויכער־ספֿרים
- שאָלעם אַש
- דער נִיסתּר
- דאָוויד האָפּשטיין

МЕНДЕЛЕ МОЙХЕР-СФОРИМ
(1835 — 1917)

Шолом-Яков Абрамович (таково настоящее имя писателя) родился в 1835 году в местечке Копыль, Минской губернии. Он был седьмым ребенком в семье. О своем детстве писатель часто с теплом вспоминал впоследствии — одно из этих воспоминаний включено в нашу публикацию.

Менделе Мойхер-Сфорим получил традиционное образование, хорошо разбирался в Библии и Талмуде, знал грамматику древнееврейского языка. При этом в юности он был совершенно незнаком с окружающей реальной жизнью. Сам он писал об этом так: «Весь мир, находящийся за Копылем, был для меня пустыней — там находились горы мрака и река Самбатион со странными созданиями». Когда Менделе было 14 лет, умер его отец, семья обеднела, и юноше пришлось начать работать учителем. С тех пор начались его странствования по «черте оседлости», давшие богатейший материал для литературного творчества. Первыми литературными опытами Менделе были пылкие стихотворения на древнееврейском языке, воспевающие природу. Однажды он встретил странствующего нищего, и вместе они исходили множество городов и местечек Белоруссии, Литвы и Украины. В 1856 году Менделе сдал экзамены и получил место учителя в школе в г. Каменец-Подольский. В 1857 году вышла первая статья Менделе на древнееврейском языке — «Письмо по поводу образования». В 1858 году, женившись во второй раз, писатель поселился в Бердичеве. В 1860 году в Вильно вышел первый сборник статей Менделе о литературе. Свой первый роман — «Отцы и дети» — писатель опубликовал в 1868 году. В нескольких номерах выходившей в Одессе газете «Кол Мевассер» в 1864—1865 годах была напечатана первая повесть Менделе на идиш — «Маленький человек или жизнеописание Ицхока-Аврома Такифа».

В 1869 году вышли две книги писателя — «Фишка-Хромой» и «Такса», в которых Менделе сатирически показал руководителей общины и местных богачей. В 1873 году вышла одна из самых известных книг Менделе — «Кляча», которая сразу произвела большое впечатление на читателей. Она была переведена на польский и русский языки. Русский перевод, выполненный сыном писателя, Михаилом Абрамовичем, печатался в

журнале «Восход» в 1891 году, но вскоре из-за этой публикации журнал был закрыт цензурой на шесть месяцев.

Известность не принесла Менделе богатства, и он вынужден был зарабатывать на жизнь переводами. В 1878 году в Вильно вышла повесть «Путешествие Вениамина Третьего». В конце семидесятых годов на писателя обрушиваются несчастья — умирает его дочь, сына арестовывают и ссылают по политическому делу.

В конце жизни Менделе поселился в Одессе, где вокруг него собрался кружок молодых литераторов. В последние годы он вновь обратился к древнееврейскому языку, на который сам перевел ряд своих произведений. Великий писатель, «дедушка еврейской литературы», умер в 1917 году.

מענדעלע דערציילט זײַנע קינדער

— די אָרעמע מאמע מײַנע איז געבליבן אַן אַלמאָנע[1] מיט א פעקל קינדער אף די הענט. איך בין געווען דער מיטלסטער, א צוועלפיאָריק יינגל; ניט געווען, ווער עס זאָל זאָרגן פאר דער פאמיליע. אָט אזוי ווי ערשט געדענק איך זי, אָלעהאשאָלעם[2]! אָט שטייט זי באם אויוון און שלעפט ארויס מיטן ראָהאטש א טאָפ קרופניק; און מיט וואָס פאר א זשעדנעקײַט מיר, קינדער, פלעגן זיך עס ארופווארפן אף דעם דאָזיקן מײַכל, — ס'איז דען א פארגלײַך מיט אָט דער האָניק־קאשע?! אוי, קינדערלעך מײַנע, דאָס הארץ טריפט מיט בלוט, אז איך דערמאָן זיך מײַן אָרעמע מאמע און אונדזער נויט... און דאָס האָט מיך טאקע געצווונגען זיך צו פארטראכטן, וויאזוי באפרײַט מען די שטוב פון אן איבעריק מויל.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט הארץ, און באגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָב איך זיך געלאָזט איבער דער וועלט... איך בין אוועק צופוס פון קאפוליע קיין סלוצק. און דאָ בין איך, ריישיס כאָכמע[3], ווי עס פירט זיך, ארײַן אין א בעס־

---

1 אלמאָנע [אלמנה] — вдова

2 אָלעהאשאָלעם [עליה השלום] — мир праху ее

3 ריישיס כאָכמע [ראשית חכמה] — начало премудрости; первым долгом

מעדרעש[4]; געווען איז עס, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, דער בעסמעדרעש פון אָרטיקן גוויר[5] יוינע. איך האָב זיך דאָ אָפּגעמאַטערט א קורצע צײַט אין קעלט און אין הונגער... צום שאַמעס[6] פון בעסמעדרעש פלעגט אָפּט אַרײַנקומען אן אַלטע ייִדענע סאָרע — א באָבע; האָט זי אף מיר ראַכמאָנעס געקריגן[7] און מיר פאָרגעלייגט א ווינקל בא זיך, — ביטנײַ[8], איך זאָל איר מיט א לאַמטערן באַגלייטן באַנאַכט צו די געווינערנס[9]! איך בין מאַסקים געווען[10] אף אזא טײַערן פאָרשלאָג, אָבער אינגיכן איז מיר די דאָזיקע „פּאַרנאָסע"[11] נימעס[12] געוואָרן. עס איז אויך ניט געווען פאַר מײַנע קויכעס[13], און איך האָב באַשלאָסן זיך צו שיידן מיט סאָרען. איך בין אוועק צוריק אין בעסמעדרעש און זיך אָפּגעמאַטערט דאָ נאָך א שטיקל צײַט.

איינמאָל, יאָמטעוו[14]-צײַט, האָט ר' יוינע מיך גענומען צו זיך אהיים אף מיטיק. מ'האָט דערלאַנגט א הון, איך האָב מיך מיט אַלע קויכעס געמיט זי צו עסן ווי מעגלעך אָנשטענדיק, אָבער מיטאַמאָל, אוי, א שרעק! א ביינדל[15]

4	בעסמעדרעש [בית מדרש]	бейс-мидраш, дом молитвы и учения
5	גוויר [גביר]	богатый, важный человек
6	שאַמעס [שמש]	шамес, служка в синагоге
7	ראַכמאָנעס [רחמנית] קריגן	сжалиться
8	ביטנײַ [בתנאי]	при условии
9	געווינערן	роженица
10	מאַסקים [מסכים] זײַן	согласиться
11	פּאַרנאָסע [פרנסה]	заработок, источник пропитания
12	קויכעס [כוחות]	силы
13	נימעס [נמאס]	надоело
14	יאָמטעוו [יום־טוב]	праздник
15	ביינדל	косточка

האָט זיך א דריי געטאָן און אף אן אומגליקלעכן אויפן[16] ארויסגעפלויגן און געטראָפן ר׳ יוינען גלײַך אין אויג! (דאָס דאָזיקע ביינדל פון א הון האָט געשפילט א וויכטיקע ראָליע אין מײַן ווײַטערדיקן גוירל[17]). אין איין קעהערעף־אי:ן[18] האָט מען מיך אוועקגעטריבן פון טיש און אָנגעזאָגט זיך מער נישט צו באווײַזן אף די אויגן. זיי האָבן דעם צופאל אָנגענומען פאר א שקאָצערײַ[19] פון מײַן זײַט!

איך האָב זיך אינגאנצן מעיאעש געוועזן[20] און באשלאָסן צו פארלאָזן די שטאָט. כ׳בין אוועק וווּהין די אויגן האָבן געפירט... אפן וועג האָב איך געטראָפן א כאזן[21] מיט מעשוירערים[22], זיי זײַנען געפאָרן אין א בויד אף יאָמים־נוירא:ים[23] קיין קאמענעץ. כעוורע[24] האָט פון אויב אראָפ באטראכט מײַן האלבאָשע[25] — א קאָלענקאָרענע קאפאָטע[26], וואָס איז געוועזן אזוי פארפעטסט, אז זי האָט געגלאנצט ווי אטלאס! דאָך האָבן זיי מיך גאנץ הארציק ארײַנגענומען צו זיך אין קאָמפאניע. אין בויד איז אזוי ענג געווען, אז עס האָט זיך געדאכט — אלעמענס פיס האָבן זיך

---

16 אויפן [אופן] — образ, способ
17 גוירל [גורל] — судьба
18 קעהערעף־אי:ן [כהרף עין] — мгновение ока
19 שקאָצערײַ — хулиганство, наглость
20 מעיאעש [מיאש זײַן] — отчаяться
21 כאזן [חזן] — кантор в синагоге
22 מעשוירערים [משוררים] — певчие
23 יאָמים־נוירא:ים [ימים־נוראים] — «дни страха» — десять дней между Новым годом (Рош-Гашана) и Судным днём (Йом-Кипур)
24 כעוורע [חברה] — компания
25 האלבאָשע [הלבשה] — одежда
26 קאפאָטע — капот (верхняя одежда)

אויסגעמישט, און קיינער האָט ניט געקאָנט געפינען זײַנע אייגענע.

אזויארום בין איך מעגולגל געוואָרן[27] קיין קאמענעץ, און אזויווי איך בין ווײַטער געווען אָן שום מיטלען, האָב איך זיך ווי אמאָליקע צײַטן אופגעהאַלטן אין איינעם פון די דאָרטיקע באָטעמעדראָשים[28]. איינער פון די באלעבאַטים[29] האָט פון די שמועסן מיט מיר ארויסגעפירט מײַן דאָרשט צו וויסן און ער האָט מיר אן אייצע געגעבן[30], איך זאָל זיך ווענדן צום שרײַבער א. ב. גאָטלאָבער, — ער האָט זיך אליין ארויסגערופן מיך צו ברענגען צו אים. גאָטלאָבער האָט זיך מיט מיר שטארק פארינטערעסירט און פאר מיר געקראָגן א מעגלעכקײַט צו עקזיסטירן און זיך נעמען צום לערנען...

---

27 מעגולגל [מגולגל] ווערן — *зд.* добрался

28 באָטעמעדראָשים [בתי מדרשים] — см. примечание 4

29 באלעבאַטים [בעלי בתים] — домохозяева

30 אייצע [עצה] געבן — советовать

ШОЛОМ АШ
(1880—1957)

Родился в 1880 году в городе Кутно, в Польше. В детстве получил традиционное еврейское образование. Самостоятельно выучил немецкий, польский, русский языки. Однажды в молодости в руки Шолом Ашу попали рассказы еврейского классика Ицхока-Лейбуша Переца. До этого Аш уже пробовал писать на древне-

еврейском языке. По совету самого Переца Аш начал писать на идиш. Свой первый рассказ он опубликовал в варшавской газете «Дер юд» в 1900 году. В 1904 году вышла первая крупная повесть писателя — «Местечко». В том же году Шолом Аш начал писать драматические произведения, которые быстро принесли ему известность. Пьесы Аша переводились на польский, русский и немецкий языки, ставились в различных театрах. В спектакле «На пути к Сиону» по пьесе Шолома Аша играла В. Ф. Комиссаржевская.

В 1908 году писатель предпринял путешествие в Палестину, и опубликовал свои путевые впечатления. В этом же году он принял участие в Черновицкой конференции, признавшей идиш языком еврейского народа. Он выступил на конференции с программой перевода произведений древнееврейской литературы на идиш. Сам он перевел библейскую книгу «Руфь», а также написал по мотивам Пятикнижия «Библейские истории», вышедшие в Вильно в 1913 году.

Аш много путешествовал, жил в различных городах Европы. В начале первой мировой войны он переехал в Нью-Йорк. В 1918 году вышел его первый роман, посвященный жизни евреев в США — «Дядя Мозес». Роман «Во славу Бога» написан под влиянием погромов и бедствий, постигших евреев во время первой мировой войны. В 1924 году Аш вновь на долгое время поселился в Варшаве, где выходило большинство его книг. В 1929—1931 годах появляется его трилогия «Перед потопом», включающая романы «Петербург», «Варшава» и «Москва». В трилогии рисуется широкая картина жизни России и Польши с 1914 по 1920 год. В 1938 году Аш снова уезжает в США, где в 1939 году в английском переводе выходит его роман «Человек из Назарета», описывающий евангельские события. Еврейский оригинал романа был напечатан лишь в 1943 году. Роман был с восторгом принят англоязычными читателями, но



Обложка книги Ш. Аша «Майселех фун хумеш» («Библейские истории»), выпущенной варшавским издательством «Культур-лиге»

вызвал противоречивые оценки среди еврейских читателей. Затем вышли еще два романа из «христианской» трилогии Аша — «Апостол» и «Мария». В трилогии Шолом Аш пытался по-своему осмыслить истоки христианства. Его понимание этой темы не было поддержано ведущими еврейскими критиками и литераторами, что привело к отчуждению между писателем и еврейской прессой.

В последние годы Аш также много путешествовал, бывал в Европе, в Израиле. Умер в 1957 году в Лондоне.

●



שאָלעם אש

מײַסעלעך פֿון כומעש

אָדאָם

גאָט האָט שוין געהאַט באַשאַפֿן הימל און ערד, אַלע גרעזער אין פֿעלד, אַלע געוויקסן אין וואַלד, די פֿייגלען אין דער לופֿט, די כײַעס און די אויפֿעס אויף דער ערד — נאָר ס'איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל רעגירן איבער דאָס אַלץ. די ערד איז געשטאַנען ניט באַאַרבעט, די ווילדע גרעזער האָבן די כײַעס אויסגעגעסן, אָבער די פֿרוכטן פֿון די ביימער און די ווייצן פֿון די פֿעלדער האָט קיינער ניט אָנגערירט. אויך האָבן ניט געקענט די כײַעס און די בעהיימעס אַליין רעגירן איבער זיך, זיי האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי צו פֿירן זיך, האָבן זיך נאָר געקריגט און געשלאָגן מיטאַנאַנד. ווען זיי זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַראַטונג, האָט איינער דעם צווייטן ניט פֿאַרשטאַנען און ניט געוווּסט, וואָס צו רעדן מיטאַנאַנד. די בעהיימעס זײַנען געווען צו נאַריש, די כײַעס צו שטאַרק, די פֿייגלען צו קווײַטשעדיק, און געפֿלויגן זײַנען זיי איבער די קעפּ פֿון די בעקאָוועדיקע לייבן און בערן, וואָס זײַנען געזעסן אין וואַלד צו דער באַראַטונג.

האָט גאָט געזען, אַז די בעהיימעס קענען ניט רעגירן איבער דער וועלט, האָט ער באַשאַפֿן דעם מענטשן, אַז ער זאָל אויף אַלצדינג אַכטונג געבן, אַלץ זאָל געהערן צו אים —

און ער זאָל געוועלטיקן איבער אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער ערד. האָט ער גענומען אַ שטיק ערד און געפורעמט דער־פון דעם מענטשן און אַרײַנגעבלאָזן אין אים אַ נעשאָמע. האָט דער מענטש שוין געקענט גיין, הערן, זען און פאַר־שטיין אַלצדינג, וואָס איז אַרום אים. איז געגאַנגען גאָט און האָט פאַר אים פאַרבײַגעפירט אַלע באַשעפענישן, וואָס ער האָט באַשאַפן, זיי צו ווײַזן זייער האַר, און ער זאָל זיי אַ נאָמען געבן. וואָרעם עס האָבן נאָך ביז דאַן די אַלע באַשע־פענישן קיין נעמען ניט געהאַט, עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיי אָנרופן, דען די בעהיימעס האָבן ניט געקענט רעדן און הערן. און גאָט האָט געזאָגט צום מענטשן: „דאָס אַלץ האָב איך פאַר דיר באַשאַפן, און אַזויווי דו וועסט יעדן פון זיי אַ נאָמען געבן, אַזוי וועט ער הייסן".

איז דער מענטש געזעסן אויף אַ בערגל, און ס'איז פאַר־בײַגעגאַנגען פאַר אים דער העלפאַנד. האָט דער מענטש געזאָגט: „דער האָט אַזאַ לאַנגע נאָז, ווי אַ העלפאַנד — דער־פאַר זאָל ער הייסן העלפאַנד" — האָט מען אים שוין אַזוי גערופן. איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַר אים דער לייב און האָט געברומט. האָט דער מענטש געזאָגט: „דער ברומט, ווי אַ לייב" — האָט מען אים שוין גערופן לייב. איז פאַרבײַגע־גאַנגען פאַר אים דאָס פערד, האָט ער אונטערגעשפּרונגען און געהירזשעט. האָט דער מענטש געזאָגט: „דער שפּרינגט אונטער און הירזשעט, ווי אַ פערד" — האָט מען אים שוין גערופן פערד. אַזוי האָט גאָט פאַרבײַגעפירט פאַר אים אַלע באַשעפענישן, און אָדאָם האָט זיי אַלעמען אַ נאָמען גע־געבן. און דער נאָמען, ווי אָדאָם האָט זיי אָנגערופן, איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג.

כאווע

אָדאָמען איז אָבער געווען זייער טרויעריק און אומע־
טיק איינער אליין צו לעבן אַף דער גאנצער גרויסער ערד.
האָט ער אָנגעהויבן צו וואנדערן איבער דער וועלט, צו
זוכן נאָך אזא באשעפעניש, ווי ער איז. איז ער געגאנגען,
געגאנגען און געגאנגען — אויסגעגאנגען די גאנצע וועלט
און ניט געפונען נאָך א מענטשן, נאָר בלויז כײַעס, בע־
היימעס און אויפעס. האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן זיך פרײַנט
און כאוויירים צווישן די כײַעס. דער לייב און די בערן זײַ־
נען אים ניט געפעלן פאר כאוויירים, — ער האָט מוירע גע־
האט, אז ער זאָל זיך ניט אָפּלערנען פון זיי אזוי בייז צו
זײַן, ווי זיי זײַנען; אויך ניט די אָקסן און די קי, — זיי זײַנען
אים געווען צו נאריש, אז ער זאָל זיך מיט זיי קענען דורכ־
שמועסן. שוין בעסער זײַנען אים געפעלן געווען דאָס פערד
און דער הונט. זיי זײַנען געווען געטרײַע כאוויירים, און
ער האָט שטענדיק געקענט רעכענען אַף זייער פרײַנט־
שאפט — האָבן זיי זיך טאקע געפונען שטענדיק נעבן אים.
אָבער וואָס קומט ארויס? — ער קען ניט מיט זיי אויסריידן
קיין איין וואָרט, און אויך ניט זיצן מיט זיי בא איין טיש
און עסן, וואָרעם זיי זײַנען געווען צו שמוציק און האָבן זיך
אופגעפירט באם טיש און געזעלשאפט ניט זייער מיט דערע־
כערעץ.

האָט ער זייער געבענקט נאָך א מענטשן, ווי ער איז,
און איז מאכמעס דעם זייער טרויעריק געווען. טייל מאָל
פלעג ער קומען צו א וואסער, האָט ער ארײַנגעקוקט אין
דעם שפּיגל פון וואסער און דערזען אינווייניק אין טײַך
גאָר אן אנדער מין באשעפעניש, ווי ער האָט געזען אַף דער
ערד. האָט ער עס אָנגעהויבן ארויסצורופן מיטן פינגער:
„קום ארויס, דו באשעפעניש” — האָט דאָס באשעפעניש אין

וואָסער אויך אזוי מיט דער האַנט געווונקען, ווי ער, און גיט צוריק זײַן ווידערקאָל, פון וואָסער קומט עס ניט ארויס. איז ער אוועקגעגאנגען פון דאָרטן און איז זייער טרויעריק געוואָרן, און איז געפאלן אפן ברעג א מידער און איז אײַנגעשלאָפן.

האָט גאָט געזען זײַן צאַר, זײַן בענקשאפט נאָך א מענטשן — האָט ער ראַכמאָנעס געקראָגן אף אים, איז ער אראָפּגעקומען פון הימל, בעשאס אָדאָם איז געשלאָפן, און האָט ארויסגענומען א זײַט פון זײַן לײַב און האָט דערפון אויסגעקנאָטן א פרוי און אין איר א נעשאָמע ארײַנגעבלאָזן. איז זי באַלד לעבעדיק געוואָרן, און אָדאָמס זײַט האָט ער אזוי פארהיילט, אז מע האָט גאָרנישט ניט אָנגעזען.

איז אָדאָם פון שלאָף אופגעשטאנען, האָט ער דערזען די פרוי נעבן זיך. איז ער זייער דערפרייט געוואָרן און האָט זי באַ דער האַנט אָנגענומען און געפרעגט:

— ווער ביסטו? פונוואנען קומסטו צו גיין?

האָט זי געענטפערט: — איך ווייס ניט.

— ביסטו ניט פון וואָסער ארויסגעקומען, ווו איך האָב דיך אין דער שפּיל פון די וועלן דערזען?

האָט זי געענטפערט: — איך ווייס ניט, כ׳האָב די אויגן אופגעעפנט און האָב מיך געפונען נעבן דיר.

האָט ער זי באַ דער האַנט אָנגענומען און איז צום וואַסער צוגעגאנגען: געוואָלט זען, אויב עס געפינט זיך נאָך דאָרט דאָס באשעפעניש, וואָס ער האָט פריִער דאָרט געזען. האָט ער ארײַנגעקוקט און האָט שוין דאָרט דערזען צוויי מענטשן. האָט ער זיך זייער פארוווּנדערט, וואָס דאָס באַשעפעניש אין וואַסער האָט אויך א ווײַב — נאָר סײַוויסײַ האָט ער זיך זייער דערפרייט מיט זײַן ווײַב. האָט ער זי באַ דער האַנט אָנגענומען און איז געגאנגען מיט איר איבער דער וועלט.

Шолом Аш

БИБЛЕЙСКИЕ ИСТОРИИ

АДАМ

Бог уже сотворил небо и землю, все травы в поле, все деревья в лесу, птиц в небе и зверей на земле — но не было еще никого, кто бы господствовал над всем этим. Земля стояла невозделанная, звери поедали дикие травы, но к плодам деревьев и к злакам полей никто не притрагивался. Да и править сами собой звери и прочие животные не могли, они не знали, как вести себя, и только ссорились и дрались между собой. Когда они собирались на совет, один не понимал другого и не знал, о чём с ним говорить. Домашние животные были слишком глупы, дикие звери — слишком сильны, птицы все время щебетали и носились над головами степенных львов и медведей, сидевших в лесу на совете.

Когда Бог увидел, что животные не могут управлять миром, он создал человека, чтобы тот следил за всем и все было послушно ему, и чтобы человек властвовал над всем, что есть на земле. Бог взял кусочек глины, вылепил из него человека и вдохнул в него душу. Когда человек уже научился ходить, слушать, видеть и понимать все, что было вокруг него, пришел Бог и провел перед ним все свои создания, чтобы показать им их господина, и чтобы человек дал им всем имена. Ибо до той поры у всех созданий не было имен и не было никого, кто мог бы их назвать, так как животные

не умели говорить и слушать. И Бог сказал человеку: «Всё это я создал для тебя, и какое имя ты дашь каждому из них, так и будут их звать».

Человек уселся на пригорке, и перед ним прошел слон. Человек сказал: «У него такой длинный нос, как у слона — поэтому пусть он зовется слоном» — и так он его и назвал. Прошел перед ним лев и зарычал. Человек сказал: «Он рычит, как лев» — и вот он его и назвал львом. Конь, проходя перед ним, подпрыгнул и заржал. Человек сказал: «Он прыгает и ржет, как конь» — и вот, он его уже назвал конем. Так Бог провел перед ним все создания, и Адам дал всем им имена. И эти имена, которые Адам дал им, остались до сегодняшнего дня.

ЕВА

Но Адаму было очень грустно и тоскливо жить одному на всей земле. Он отправился странствовать по свету, искать такое же создание, как и он сам. И он шел, и шел, и шел — прошел весь мир, и не нашел больше ни одного человека, только зверей и птиц. Он стал искать себе друзей и товарищей среди зверей. Лев и медведи не приглянулись ему в товарищи — он испугался, как бы ему не научиться у них быть такими же злыми, как они, не понравились ему также и быки с коровами — они были слишком глупы для него, и он не мог с ними разговаривать. Больше понравились ему конь и собака. Они были верными товарищами, и он всегда мог рассчитывать на их дружбу, ведь они всегда были рядом с ним. Но что оказалось? — Он не мог им сказать ни единого слова, не мог сидеть с ними за одним столом и есть вместе, потому что они были слишком

грязны и вели себя за столом и в обществе не слишком прилично.

Он очень скучал по другому человеку, такому же, как он, и из-за этого стало ему очень грустно. Иногда он подходил к водному зеркалу и видел в реке совсем другое создание, не такое, как те, кого он видел на земле. Он поманил его пальцем: «Иди сюда, ты, создание», — и создание в воде также поманило его рукой, как и он, и вернуло звук его голоса, но из воды не вышло. Тогда он ушел оттуда, и стало ему очень грустно, усталый лег он на берегу и заснул.

Бог увидел его печаль, его тоску по человеку — и сжалился над ним, сошел с неба, в то время как Адам спал, вынул ребро из его тела, вылепил из него женщину и вдохнул в нее душу. Она сразу ожила, а это место в теле Адама Бог залечил так, что ничего не было заметно.

Адам встал после сна и увидел женщину возле себя. Он очень обрадовался, взял ее за руку и спросил: — Кто ты? Откуда ты пришла?

Она ответила: — Я не знаю.

— Не вышла ли ты из воды, где я видел тебя в зеркале волн?

Она ответила:

— Я не знаю, я открыла глаза и оказалась возле тебя.

Он взял ее за руку и подошел к воде: он хотел увидеть, находится ли еще там создание, которое он видел раньше. Он посмотрел и увидел там уже двух людей. Он очень удивился, что у создания в воде тоже есть жена — но, как бы то ни было, он был очень рад своей жене. Взяв ее за руку, он пошел с ней по свету.

Перевод М. Крутикова

ДЕР НИСТОР
(1884—1950)



Дер Нистор (настоящее имя — Пинхас Каганович) родился в Бердичеве. Писать начал рано, первая книга («Геданкен ун мотивн», — «Мысли и мотивы») вышла в 1907 году. Эта книга, отнесенная автором к жанру «стихотворения в прозе», сразу привлекла внимание критики. В 1910 и 1912 году вышли новые книги писателя. В то время Дер Нистор писал в символической ма-

нере. О творчестве Дер Нистора очень тепло отзывался Ицхок-Лейбуш Перец.

До революции писатель жил в Киеве, в 1920 году переехал в Москву, некоторое время работал в еврейском детском доме в Малаховке (вместе с художником Марком Шагалом).

В 20-е годы Дер Нистор уехал в Германию. Его произведения печатались в различных изданиях, выходивших в Москве, Варшаве, Берлине, Риге, Нью-Йорке.

В 1928 году Дер Нистор вместе с другими еврейскими писателями возвращается в СССР. В 1929 году в Харькове вышел сборник его повестей «Фун майне гитер» — «Из моих сокровищниц». До войны вышли его книги «Гедахт» (1923 г.) и «Драй штет» (1934 г.). В 1939 году вышла первая часть его реалистического романа «Мишпохе Машбер» — «Семья Машбер» (вторая часть опубликована в 1941 году). Роман, являющийся, по признанию критики, вершиной творчества писателя, показывает широкую панораму еврейской жизни в 70-е годы прошлого столетия.

В 40-е годы Дер Нистор написал ряд произведений, посвященных страданиям еврейского народа во время второй мировой войны. В последние годы писатель работал над романом «1905 год», первая часть которого была опубликована в журнале «Советиш геймланд» (1964, № 1).

Писатель был репрессирован в конце 1948 года и погиб в лагере в 1950 году.

דער ניסטער

די מישפּאָכע מאַשבער

(פראגמענט)

די שטאָט

די שטאָט N איז געבויט אין דרײַ רינגען. ערשטער רינג: די סאַמע מיט, דער האַנדלס־מאַרק. צווייטער: די גרויסע אייגנטלעכע שטאָט, מיט די פיל הײַזער, גאַסן, געסלעך, ליקלעך[1], אַרום מאַרק, ווי דער רױו געדיכטער יִשעוו[2] געפינט זיך. דריטער: פאַרשטעטלעך.

ווען אַ פרעמדער וואָלט צום ערשטן מאָל אין N זיך געטראָפן, וואָלט עס אים גלײַך, — צי ווילנדיק, צי קעגן זיין ווילן, — ווי מיט אַ מאַגנעט, צו דער מיט שטאָט, צום צענטער אַ צי געטאָן: דאָרט איז דער רויש, דער קאָר, דאָרט — דער איקער־איקער[3], דאָס האַרץ, דער פּולס פון שטאָט.

ס׳וואָלטן אים פאַר אַלעמען באַגעגנט רייכעס[4], און אין נאָז וואָלט אים אַ זעץ געטאָן מיט לעדער, האַלב־רויען, באַאַרבעטן, פון גראָבע און איידעלע סאָרטן; טערפּקע זיסקײַטן פון באַקאַלייי און קאָלאָניאַלע סכוירעס[5], זאַלץ פון

---

1 ליקלעך — боковые улочки
2 יִשעוו [ישוב] — поселение, населенный пункт
3 איקער [עיקר] — сущность, корень
4 רייכעס [ריחות] — запахи
5 סכוירעס [סחורות] — товары

פארשיידענע דורכגעטריקנטע פישן[6]; רייכעס פון נאפט[7], טראָן[8], דזעגעכץ[9] און פון אלערליי קאָד־ און שמיר־אײלן; פרישער שניטקראָם[10]; פריש פאפיר, דאן אויך אלטע און פארשווייסטע זאכן און פארשיידענע פארשטויבטקײטן — שקראבעס[11], בגאָדים[12], אלט מעש[13], פארזשאווערט[14] אײַזן — און אלעס אנדערע, וואָס וויל פון געברויך ניט ארויס און מיינט דורכן האנדל, פאר קליינגעלט, ווען־ מען ס'ניט־איז און ווי־ס'ניט־איז, נאָך דינען.

דאָרט, אין מארק, — א קלייט לעבן א קלייט, ענג אָנ־ געזעצטע, ווי קעסטעלעך אין סטעלניק[15]. ווער ס'האָט קיין קלייט אויבן, האָט א סקלאד אונטן, ווער אויך קיין סקלאד, איז א שטעלכל[16] מיט א דעכעלע פאר די קלייטן, און ווער אויך דאָס נישט, האָט פאָשעט[17] זײַן סכוירע אף דער ערד ליגן אָדער שטיין — ס'געווענדט, ווער מיט וואָס ס'האנדלט.

דאָרט, אין מארק, ווי באשטענדיק, — יאריד[18]. פורן פון די נאָענטסטע און ווײַטסטע יישווים פון יענער געגנט קומען אָנצונעמען סכוירע, פורן, טיליגעס פון דער באז־

6	דורכגעטריקנטע פישן	копченая рыба
7	נאפט	керосин
8	טראָן	рыбий жир
9	דזעגעכץ	деготь
10	פרישער שניטקראָם	недавно открытый магазин тканей
11	שקראבעס	поношенная обувь
12	בגאָדים [בגדים]	одежда
13	מעש	изделия из латуни
14	פארזשאווערט	заржавленный
15	ווי קעסטעלעך אין סטעלניק	как ячейки в сотах
16	שטעלכל	ларек, палатка
17	פאָשעט [פשוט]	просто
18	יאריד [יריד]	ярмарка

סטאַנציע, פירן, ברענגען פון באַן אַלץ פרישערע, אַלץ נײַע.

מע פּאַקט אויס און מע פּאַרפּאַקט.

ייִדן — אָרענדאַרעס, קליינשטעטלדיקע הענדלער — זומער אין זומער־מאַנטלען מיט קאַפּיושאָנעס, ווינטער — אין בורקעס, פּעלצן מיט שטאַרק אָפּגעלייגטע קעלנער[19] — קומען אָן פון די אַנדרושיווקעס, ראַרעדעקס, יאַמפּעלער, פון ווײַטן זוויל און קאָרעץ און אויך פון דער ווײַטער פּאָלעסיע, — אַהער נאָך סכוירע פאַר מעזומען[20], אויף קרעדיט; אייניקע מיטן מיין[21] ערלער, אָרנטלעך זיך אויסצוהאַנדלען, אַנדערע — מיט אַנדערע מיינען: נעמען און „זיך שטעלן"[22], דערנאָך „ענדיקן"[23] אויף געוויסע פּראָצענטן, און ווײַטער נעמען, און נאָכאַמאָל „זיך שטעלן", ד. ה. אָנזעצן[24].

* * *

דאָס איז דער מאַרק־טייל פון דער שטאָט N — דער ערשטער רינג. דער צווייטער: די שטאָט זעלבסט.

ווען אַ פרעמדער וואָלט אין זעלבן באַנאַכט, אַרויסגייענדיק פון מאַרק, זיך געווענדט צו די נאָענטע הײַזער, איז דאָס ערשטע, וואָס וואָלט זיך אים געוואָרפן אין אויג, וואָלט געווען אַ סעריע איין־, צוויי־ און מערשטאָקיקע בינייאָנים[25],

---

19 אָפּגעלייגטע קעלנער — отложной воротник

20 מעזומען [מזומן] — наличные деньги

21 מיטן מיין — с намерением

22 זיך שטעלן — открыть дело

23 ענדיקן אויף געוויסע פּראָצענטן — закрыть дело, получив определенный процент прибыли

24 אָנזעצן — объявить о своей неплатежеспособности

25 בינייאָנים [בניינים] — здания

געבויט אף אן אלטן ארט און אויפן, פון מעשוגענעם[26] סטיל, אָדער בעסער געזאָגט: קיין סטיל.

ער וואָלט גלײַך דערקענט, אז דאָס זײַנען נישט קיין ווין־הײַזער, נאָר גאָר צו עפּעס אנדערע צילן באשטימט, און אויב אפן ערשטן קוק וואָלט ער ניט געוווּסט, צוליב וואָס פאר א ציל, איז באם צווייטן וואָלט ער זיך שוין זי־כער אָנגעשטויסן: דאָס זײַנען פון דער איידע פון דער שטאָט N פאר זייער גאָט און זײַנע מידעס[27] דאָ געבױַעט.

ער איז א פארוואָגלטער[28] און א פארגאָלעסטער[29], זייער גאָט. קיין סאך[30] פּאָדערט ער ניט, קיין איבעריקע זויבערקײַט, רוים, לופטיקײַט און קאָלאָנעס; קיין פּוץ און אויסערלעכקײַט; נאָר דורך א קויטיקן[31], לאנג נישט גע־ווישטן און געוואשענעם פענצטער, זאָל זיך באנאכט פון זײַן ביניען א קליינע צאנק־שײַן פון א בײליקן, ווייניק־נאפט־געברויכעדיקן, לעמפּל ארויסזען; ס'זאָל דאָרטן שטיל זײַן און א געבראָכן געמיט זאָל רוען אף דער שוועל פונעם ביניען, אף די פענצטער און אויך אפן דאך. אין אייניקע ביניאָנים זאָל אינווייניק אן עלנטער, נישט קיין באוויַיב־טער[32] שאמעס[33] שלאָפן — אויך א קויטיקלעכער און נישט

---

26 מעשוגענער [משוגענער] — сумасшедший
27 מידעס [מידות] — свойства, качества
28 פארוואָגלטער — бездомный, бесприютный
29 פארגאָלעסטער [פארגלות־טער] — пребывающий в изгнании
30 סאך [סך] — много
31 קויטיקער — грязный
32 באוויַיבטער — женатый
33 שאמעס [שמש] — см. примечание 6

קיין סאך פאָדערנדיקער דינען צו גאָט. אין אנדערע זאַלן גאנצע גרופּעס היימלאָזע, באטאָגעדיקע הײַזער־גייער, בעטלער, שלעפער אף בערג שמאטעס, אף בענק, און אליין אויך, ווי בערגלעך שמאטעס אויסזעענדיקע, אין דער פינצטער כראָפּען. און אין אנדערע אייניקע זאַל, פארקערט, דאפקע אינמיטן באנאכט פון אלע צוועלף פענצטער, ס'פאָדערט די טראדיציע פון יענעם גאָט, פון זײַנע ביניאָנים, א גרויסע שײַן ארויסשײַנען, ליכט און לאָמפּן זאַלן ברענען, ס'זאָלן זיך מערסטנטייל פון דאָרט ייִנגלשע, ווארעם־זינגעדיקע קוילעס[34] הערן, וואָס לערנענדיק דעם גאָטס געזעצן און געבאָטן, דינען זיי צו אים און ווערן אים פארעכנט ווי קאָרבאָנעס[35], וואָס ער האָט אמאָל, בעשאס זײַן גדולע[36], נאָך געהאט, און איצט, — פון לאנג שוין אָנגעווירן[37].

אָט האָט איר אײַך איינעם אזא ביניען.

ער איז מיטן פרונט געווענדט צו א ליידיקן קליינעם פלאַץ; א צווייסטאָקיקער. אין אונטערשטן שטאָק, קײַלעכיק[38] ארום אים, קלייטן און א ביסל וווינונגען, פליישׁ־ און גרויפּן־קראָמען[39] און אנדערע, אף האכנאָסע[40] פאר דעם ביניען, און אפן צווייטן שטאָק, — זי, די שול אליין, קוקט מיט איר ארײַנגאנג־זײַט, מיט א גרויסן פילפענצטערדיקן קאָרידאָר צום פלאַץ ארויס, און מיט די איבעריקע

---

34 קוילעס [קולות] — голоса
35 קאָרבאָנעס [קרבנות] — жертвы
36 בעשאס זײַן גדולע [בשעת זײַן גדולה] — во время его величия
37 אָנגעווירן — потерян
38 קײַלעכיק — по кругу
39 פליישׁ־ און גרויפּן־קראָמען — молитвы и состоящее не менее
40 האכנאָסע [הכנסה] — доход

דרײַ זײַטן, וואָס אין יעדערער צו דרײַ פענצטער, — אין פארשיידענע געסלעך.

„די אָפענע“ רופט מען זי.

פאַרוואָס?

אין דער צאוואָע[41] פון דעם, וואָס האָט זי צוריק מיט אריבער הונדערט יאָר געבויט, איז פארשריבן, פארזאָגט, אז איר טיר זאָל זיך קיינמאָל ניט פארשליסן, נישט באטאָג, נישט באנאכט, נישט זומער, נישט ווינטער, נישט קיינמאָל, אזוי לאנג, ביז זי וועט (צו האָפן, ביז מאָשיִעכס[42] צײַטן) אף איר גרונט שטיין.

זי איז דערום באשטענדיק אָפן, די טיר. פאר אלעמען, פאר די אייגענע פון שטאָט, וואָס קומען דאווענען[43] און לער־נען, אויך פאר די, וואָס קומען זומער זיך קילן און ווינטער זיך אָנוואַרעמען — הענדלער, קרעמער, טרעגער און אנ־דערע, וואָס כאפן זיך אָפּ ארויס פון פּוסטן מארק־טומל, קעדיי מיט אן אנדער, באַרויִקנדער לופט אן אָטעם טאָן; דאן אויך פאר פרעמדע, אָרעמעלײַט, וואָס זי איז די איינ־ציקע סטאנציע זייערע, אהער אין N קומענדיק, און וואָס אמאָל פארברענגען זיי דאָרט וואָכן, אמאָל אויך כאָדאָ־שים[44]: דאָרט עסן זיי, שלאָפן, און קיינער, לויט דער צא־וואָע, האָט קיין רעכט ניט דאָס זיי צו פארבאָטן.

מע דאווענט דאָרט: פון פרימאָרגן ביז שפּעט נאָך האלבן טאָג, גאנצע מיניאָנים[45] און אויך איינצלנע. און באנאכט

---

41 צאוואָע [צוואה] — завещание

42 מאָשיִעך [משיח] — мессия

43 דאווענען — молиться

44 כאָדאָשים [חדשים] — месяцы

45 מיניאָנים [מינין] — общество, собравшееся для молитвы и состоящее не менее чем из десяти мужчин

לערנט מען: אין אָוונט — מיטליאָריקע און עלטערע, וואָס
נאָכן לערנען גייען זיי אהיים שלאָפֿן, און באנאכט —
מערסטנס וואך־בלײַבנדיקע יוגנט.

ס׳איז דערום זעלטן־ווען צו טרעפֿן „די אָפּענע" א ליי־
דיקע און אָן מענטשן, די טיר פֿארמאכט זיך קיינמאָל, טאָ־
מיד[46] ארײַן־ארויס[47].

ס׳איז דאָרט א זאמלפּונקט פֿאר פֿארשיידענע אינטע־
רעסן. דאָ שטייט מען א רעדל און מע רעדט פֿון געוויינ־
לעכע וואָר־זאכן, און דאָרט זיצט אָדער שטייט איינער א
יונגער אָדער עלטערער און איז אין א טיפֿן שטארק פֿאר־
דרייטן לערן־איניען פֿארטאָן, וואָס האָט צו אלעם אים
ארומרינגלענדיקן קיין שײַכעס[48].

פֿארשיידענע זײַנען אויך די לערנער. א קליינער טייל
באָכערים[49] היגע — פֿארמעגלעכע און האלב־פֿארמעגלעכע,
וועלכע די עלטערן האלטן אויס. אָבער מערסטנס — פֿרעמ־
דע, אף פֿרעמדן אויסהאלט, וועלכע אנדערע האלטן פֿאר א
מיצווע[50] מיטן נייטיקסטן צו באזאָרגן.

מע טרעפֿט דאָרט יוגנט פֿון די נאָענטע, אין יענער
געגנט ליגנדיקע, יישוּווים און אויך פֿון ווײַט, פֿון וואָלינער
און פּאָדאָליער גרענעצן, און אויך פֿון ווײַטן פּוילן אפילע —
יעדערער מיט זײַן אויסשפּראך, געזאנג, געזעמל און האַ־
ווײַעס.

אָט דער אוילעם[51] — א שטארק־אָרעמער, אָן ארומגע־
ריסענער. ער גייט ארום זיך שלעכט, זאָרגט וועגן זיך ווײ־

---

46 טאָמיד [תמיד] — всегда, постоянно

47 ארײַן־ארויס — туда-сюда

48 האָט... קיין שײַכעס [שייכות] — не имеет отношения

49 באָכערים [בחורים] — молодые люди

50 מיצווע [מצווה] — заповедь, доброе дело

51 אוילעם [עולם] — публика, собрание людей

ניק, אָבער דערפאַר איז ער דער זאַך, צוליב וועלכער ער געפינט זיך דאָ און צוליב וועלכער ער איז געקומען אהער, איבערגעגעבן; דערפאַר אָבער איז ער אויך אַזוי באַגײַסטערט, אָט דער אוילעם, און אַזוי ווײַט פאַרטאָן און פאַרשלונגען מיט וועלן דערגרייכן דעם ציל, אין וועלכן ער איז פאַרגלייבט, אַז דער טאָג איז אים ווייניק, און אָפט איז ער אויך אין די באַנאַכטן אויף.

דער שול־בּיניען איז דעמלט שטאַרק באַלויכטן. איבער יעדער יוגנטלעכנס קאָפּ הענגט אַראָפּ אַ לאָמפּ פון דער סטעליע אָדער פון אַ זײַטן־וואַנט, בּאַ וועלכער ער לערנט. יענע, וואָס זיצן ווײַטער פון די לאָמפּן, אין אַ ווינקל פאַרוקט, האַלטן ליכט אין די הענט, זייערע ספאָרים[52] צו באַלויכטן.

די שײַן דערום פּילט אָן ניט נאָר דעם שול־בּיניען, נאָר שײַנט אַרויס אויך אין דרויסן, און בּאַ אַ פרומען דורכגייער, אָדער בּאַ די, וואָס קוקן פון אַנדערע, נידעריקערע הײַזער, אַרויף אהער, צום שול־בּיניען, און זעען אים פון אַלע זײַטן אַ פול־ליכטיקן, — שאַפט ער אַ געפיל פון אַ לויכטנדיקן וואַך־אינדזל אינמיטן דער שטאָט־פינצטערניש; שאַפט אַ געפיל, אַז יאָ: ס'באַוואַכט און ס'באַזאָרגט דער שול־אינדזל אַ גאַנצע שטאָט אַ שלאָפנדיקע מיט ליכטיקער פאַרשטייערשאַפט פאַרן הימל און הימלשן באַזאָרגער.

בּיפּראַט, אַז דער פרום־גלויביקער גייט דורך און הערט די יונגע קוילעס — די שרײַענדיקע, בּענקענדיקע, בּרומענדיקע און די אַסקעטיש־פאַרשמאַכטע ניגונים[53], פון ווײַטן

---

[52] ספאָרים [ספרים] религиозные книги

[53] ניגונים [ניגונים] напевы, мелодии

מיזרעך[54] אהער פּאַרטראָגענע, ווי פון ערגעץ אלדי רוכי־שע[55] מיזרעכישע מולאַ־ און דערוויש־שולן; יענע ניגונים, דורך וועלכע אָט די יוגנט, וואָס האָט זיך פרײַוויליק פאַר־שלאָסן אין די ענגע פיר ווענט, אָטעמט און הויכט אויס איר נישט־באַפרידיקטע קערפּערלעכקײַט אין אנציקט־עקסטאַ־טישע געשרייען, — שאפּט עס, זאָגן מיר ווײַטער, בא די פרומע פּאַרבײַגייער א געפיל, גלײַך זיי וואָלטן צוגעקוקט, ווי יונגע קאָרבאָנעס זײַנען זיך אליין פאַר עמעצנס זינ־דיקײַט מאַקריוו[56].

דאָס איז אײַך איינע א שול.

און אָט איז אן אנדערע דאָ דערבײַ, ווי די „היציקע“, לעמאָשל, וואָס אזוי רופט מען זי, ווײַל היציקע, האלב־דולע, שטאַרק־פרומע כסידישע[57] סעקטעס, ווי קאָצקער[58], קארלינער[59], דאַוונען דאָרטן, ווילדעווען, דראַפּען זיך[60] אף די ווענט, לויפן אום, און זייער אינערלעכן רעליגיעזן ברעג מיט אייגענע קוילעס קילן זיי.

אנטקעגן דער היציקער — „די קאלטע“.

54	מיזרעך [מיזרח]	восток
55	פון ערגעץ אלדי רוכישע [רוחישע]	невесть откуда взявшийся
56	מאַקריוו [מקריב] זײַן	пожертвовать
57	כסידישע [חסידישע] סעקטעס	секты хасидов (религиозное движение евреев, возникшее на Украине
58	קאָצקער	Коцкие (хасиды ребе из Коцка)
59	קארלינער	Карлинские (хасиды ребе из Карлина)
60	דראַפּען זיך	карабкаться, взбираться

א ביניען, וואָס אפילע זומער, אז איר גייט אהין אריַין,
גייט איַיך דורך א קעלט דורך די ביינער, אויך א צוויי־
שטאָקיקער, אויך אונטן קראָמען, אויבן — זי.

שטארק־אָפּגעפּאָלירטע, גלאטע פּאָרענטשעס, פון פיל
הענט, וואָס האָבן זיך יאָרן בא זיי אָנגעהאלטן בייסן ארופ־
גאנג, פירן דורך א קאלט־סקלעפּישן פּאָליש[61] און דורך
עטלעכע טרעפּ צו איר ארוף.

א הויכע צעבראָכענע סטעליע, אינפינפן געטיילט. אונ־
טער דעם פינפטן טייל, די מיט, מיט הויכע זיַילן אונטער־
געשפּארט, איז דער באלעמער. פון די פיר זיַיטן — קאלטע,
אף שטריק אראָפּהענגענדיקע הענג־לײַכטער, וואָס ס׳דאכט
זיך, אז נישט דער גאז אין די לאָמפּן, נישט די ליכט אין די
רערן לויכטן נישט, ווארעמען נישט.

קאלטע דאוונער, טרוקענע לאמדאָנים[62], ליטוואקעס[63].
ס׳ווייעט פון זיי, פון זייערע טפילעס[64] און ניגונים, מיט
עפּעס אן אָפּגעלעבטקיַיט און פוסטקיַיט.

מ׳רופט זיי „די עווענעזרעניקעס"[65] — אפן נאָמען פון
נעם מיטלאלטערלעכן שפּאנישן פּאָעט און פילאָסאָף, וואָס
זיַין ראציאָנאליסטישער גיַיסט האָט זיך דאָ, צווישן גרויסן
געדיכטן שול־רומל[66], ווי אן אָפּגעזונדערטע קאלט־פארלאָז־
טע נעסט, געפונען.

61	פּאָליש	вестибюль в синагоге
62	לאמדאָנים [למדנים]	ученые
63	ליטוואקעס	литваки, евреи из Литвы
64	טפילעס [תפילות]	молитвы
65	עווענעזרעניקעס [אבן־עזרא]	прозвище от имени Авраама ибн-Эзры, средневекового поэта, философа и комментатора Библии
66	שול־רומל	разнообразие школ, направлений

ווען ניט די שול־זאכן אינווייניק, ווען נישט דער אָרנ־קוידעש[67], באַלעמער, בענק, סטענדערס, שאַפעס, ספאָרים, וואָלט מען סײַ אויסערלעך, סײַ אינערלעך אָט דעם ביניען גיכער פאַר א מין מאַציייווע[68] און „מײַערל"־ביניען געקאָנט אָנעמען...

און אָט איז „די אַלטע".

די עלטסטע פון אַלע.

אַז איר גייט צו איר צו, זעט איר, אַז דער וועג צו איר אַרײַנגאַנג איז פון דוירעס[69] אומגליקלעכע און פאַרפינצ־טערטע אויסגעטראָטן. גייט איר אין איר אַרײַן, פילט איר, אַז גאַנצע יאָרהונדערטן האָבן דאָרט געלאָזט זייער פאַר־צאַרנטן און פאַרוויסטעטן אָטעם.

דער וועג צו איר טיר און פאַרבײַ איר גאַנצן פרונט איז מיט פלאַטשיק־גאַנצע פליטע־שטיינער[70] געפלאַסטערט, אויסגעריבענע, אײַנגעטראָטענע און שוין דינלעכע.

די טיר, ווי א טויער די גרייס, פון אײַזן געמאַכט, מיט קײַלעכיקע גרויסע קעפּ־צוועקעס באַשלאָגן. א לאַנגער, היפּשפונטיקער[71] שליסל פון אַן אַלטן מײַסטער, מיט קונ־ציק אויסגעביסענע צײַין, שווער א צווייטן אַזוינעם צו גע־פינען, דרייט זיך עטלעכע מאָל איבער אין שלאָס־לאָך, און קיינער, אויסער דעם שטענדיקן שול־שאַמעס, ווייסט אין ריכ־טיקן אָרט אַהין ניט אַרײַנטרעפן.

---

67 אָרנקוידעש [ארון־קודש] — шкаф в восточной стене синагоги, где хранятся свитки Торы

68 מאַציייווע [מצבה] — надгробие

69 דוירעס [דורות] — поколения

70 פלאַטשיק־גאַנצע פליטע־שטיינער — плоские цельные каменные плиты

71 היפּשפונטיקער — тяжелый

נאָכן טויער קומט איר אין א פּאָליש, א פינצטערלעכן, ווייניק פון דרויסן באַלויכטן, און נאָך ווייניקער פון די אייבערשטע פאַרשיידן־קאָלירטע טאַפּליעלעך, וואָס איבער דער צווייטער טויער־טיר, וועלכע פירט אין שול אַרײַן.

אז מע עפנט די צווייטע טיר און איר טרעט אריבער די שוועל, מוזט איר גלײַך דעם קאָפּ און די אויגן ארויף ווענדן. צי איר ווילט צי ניט, נאָר אזוי האָבן די מײַסטערס, דאכט זיך, געוואָלט און אזא קאוואָנע[72] אין געבײַ ארײַנגעלייגט, אז דער גלויביקער ארײַנגייער, באזוכער, זאָל באלד, שוין באַם שוועל־ארופטרעטן, גלײַך דעם קאָפּ א הייב טאָן, א קוק געבן און א טראכט טאָן, אז ס'איז עמעצער העכער פון אים פארגאנגען, איבער אים, איבער זײַן מאזל[73], און די ערשטע רעליגיעזע ציטערניש זאָל אים אדורכגיין, אדורכ־נעמען.

די סטעליע — א הויך־רוימיקע, און אין צענטער, אז מע קוקט זיך אײַן — אן איבעראשונג: א סטעליע אף א סטעליע. ס'א פּארטיפונג, וואָס אפן ערשטן בליק איז זי ניט צו מערקן.

די שול, די מיזרעך־זײַט, באזונדערס דער היפּש־ברייטער און ביז דער העכסטער הייך ארויף־דערלאנגענדיקער אָמעד[74], איז מיט גאָלד־געפארבטע כײַעס[75], פייגלען, מאַלאָכים[76], פרוכטן, בלומען, שפּיל־אינסטרומענטן און מיט געדריידלט־געפלאָכטענע צווײַגלעך באדעקט.

די ווענט און די סטעליע — אין איילפארב, און

---

72 קאוואָנע [כוונה] намерение

73 מאזל [מזל] счастье (*букв.* созвездие)

74 אָמעד [עמוד] возвышение в передней части синагоги

75 כײַעס [היות] звери

76 מאלאָכים [מלאכים] ангелы

פאָלקס־פּרימיטיווע מײַסטערס האָבן, וואָס זיי האָבן געהאַט, פון זייער גלייביקער קונסט, אין גרויס נאַיִווקייַט און אין קינדערשער פּאַשטעס[77], דאָ אָפּגעגעבן. בילדער פון מיטאָס, פון לעבן פון די אָוועס[78], ווי אַווראָהאָם, לעמאָשל, ברענגט ייִצכאָקן צו דער אַקיידע[79]; מוישע אַפן באַרג סינײַ מיט די לוכעס[80]; ווי ייִצכאָק ליגט שוין אַפן האָלץ געבונדן, און אַווראָהאָם האַלט שוין גרייט דאָס מעסער, און דער מאַלעך באַווײַזט זיך און האַלט אים אָפּ פון זײַן אייניציקן זון צו קוילען. מוישע מיט די לוכעס, און אַרום אים דער רייכערנדיקער באַרג מיט די פײַער־שטרײַפלדיקע בליצן. דאָן דער אייגל[81], דער מישקן[82] אַאַוו. און אַזוי אַלע ווענט, ביז דער סטעליע אַרויף, און אויך די סטעליע אַליין מיט אַזוינע בילדער.

דאָן די בימע[83] און מיט וואָס מ׳גייט צו איר אַרויף דורך היפּש טרעפּ, און זי איז פון פיר זײַטן מיט קינסט־

77 פאַשטעס [פשטות] — простота

78 אָוועס [אבות] — праотцы (Авраам, Исаак, Иаков)

79 אַקיידע [עקדה] — жертвоприношение Исаака

80 לוכעס [לוחות] — скрижали завета с десятью заповедями

81 אייגל [עגל] — *здесь* — золотой телец, которого сделали евреи в пустыне для поклонения ему

82 מישקן [משכן] — скиния завета — складной шатер, служивший храмом во время странствований евреев в пустыне

83 בימע [בימה] — бима — специальный стол на возвышении в центре синагоги для чтения Торы

לעכע פּרוכטבײמער פֿאַרשטעלט, פֿון װעלכע קינדער קאַ־נען די אויגן ניט אָפּרײַסן, און אויך עלטערע גלוביקע מאַכט דאָס באַלעמער־פֿאַרשטעלטקײַט[84] זײער האַרץ פֿאַ־כען. דאָרט, אויבן, פֿלעגט אַמאָל, אַף װעמען מע האָט באַ־דאַרפֿט, דער כײרעם[85] אַרױסגערופֿן װערן; פֿון דאָרט האָט זיך אין געװיסע צײַטן דער געװיסער שױפֿער[86] געהערט, װען פֿון הימל אַ גזאַר[87], אָדער פֿון מאַלכעס[88] אַ גזײרע[89]; דאָרט האָט מען גרױסע פֿאָלקס־לײַט נאָך זײער טױט באַ־װײנט און פֿון דאָרט האָט מען נײַע פֿאַראָרדענונגען און באַפֿעלן פֿון קאָהאָל[90] און פֿון „קײסער — יאָרום הוידוי"[91] אַראָפּגעלײענט.

די שול איז אינדערעמעסן ניט אַזױ גרױס, נאָר װען ס'איז אַ פֿײַערונג, אַ סימכע[92], האָט זי באַװיזן די גאַנצע N־ער שטאָט אַרײַנצונעמען, און, נאַטירלעך, אַ ביסל אויך נאָך אין דרויסן געלאָזט.

84	באַלעמער־פֿאַרשטעלט־קײַט	украшения по периметру основания бимы
85	כײרעם [חרם]	проклятие, отлучение
86	שױפֿער [שופֿר]	рог (*синагог.*)
87	גזאַר [גזר]	приговор; *здесь* — стихийное бедствие или эпидемия
88	מאַלכעס [מלכות]	государство, царство
89	גזײרע [גזירה]	указ, направленный против евреев
90	קאָהאָל [קהל]	еврейская религиозно-административная общинная организация
91	קײסער — יאָרום הוידוי [קיסר — ירום הודו]	император — да возвеличится слава его
92	סימכע [שמחה]	радость, праздник

אליין דער מיטלסטער קאָרפּוס, דאַן די צוויי אלקערס[93] פון רעכטס און לינקס, — און דאָס פאָלק האָט זיך געקליגט און זיך אזוי ענג געשטופּט און אזוי יעדער מינדסטן כאָ־לעל[94] אָנגעפילט, אז ס׳איז שוין בעעמעס[95] קיין שפּילקע ניט געווען וווהין צו ווארפן. ווענט האָבן געשוויצט, און פּאָטיאָקעס האָבן פון זייער איילפּארביקער גלאַטקײט, פון ענגשאפּט און היציקן אָטעם, גערונען. און אָט דער אָטעם האָט זיך געפילט אפילע, ווען זי איז ליידיק געווען, — דער אָטעם פון פיל מאָל דאָ געוועזענע גרויסע מאסן, וועלכע האָבן אף א געוויסן אויפן געוויסע געשעענישן דורכגע־לעבט.

די שול איז פאר מאנצבלעך באשטימט און פאר ווײַ־בער — אף א שטארק־הויכן עטאזש, אין אלע דרײַ זײַטן גאלערייען מיט גראטעס, אזוי אז די מענער פון די פרויען זײַנען שטארק אָפּגעטיילט.

אָבער געווען צײַטן, ווען די ווײַבער פלעגט אויך דער־לויבט ווערן אונטן אראָפּגיין און אן אנדערש מאָל, נישט דערלויבט, נאָר די ווײַבער האָבן זיך אליין די דערלויבע־ניש גענומען: זיי זײַנען ארײַן, א צעהיצטע, ווילד־פליענ־דיקע מאכנע[96], מיט היסטעריש־אופגעפּראלטער האָזע[97] צום אָרנקוידעש צו, אים צעעפנט און אהין מיט אזא ווילדן יאָמער[98] זיך געריסן, וואָס מאנצבלען פארמאָגן ניט אזוי־נעם, — ווען ווידעראמאָל א גזאר — רעקרוטשינע, „פּאָי־

---

93 אלקער — боковое помещение, притвор

94 כאָלעל [חלל] — пустое пространство

95 בעעמעס [באמת] — действительно

96 מאכנע — толпа

97 האָזע — дерзость

98 יאָמער — вопль

מעניקעס״, כאַפּערס[99] — און ווען אף שטאָט אַן אומגליק, א שלאַפּקייט[100], א כאָליערע, א מאַגייפע[101], לעמאָשל.

די שול איז נישט נאָר אף געוויינלעכן דאַוונען. דאַווענען דאַוונט דאָרט איינדערפרי און אָפּדערנאַכט נאָר אַן איינציק געציילטער מיניען. לערנען לערנט מען דאָרט ניט. נעכטיקן — אַוואַדע[102] ניט: מע טאָר נישט. נאָר דעריקער[103] איז זי פון אַלע שולן די שול, פון אַלע גאָטס הייזער אין

N דאָס איינציקע גאָטס הויז, וואָס דאָס פאָלק האָט דעם אין גרונט א לעגענדע וועגן א הייליקן אָוועקגעלייגט, וואָס דערפאַר, וואָס ער האָט אף יענעם אָרט געליטן פאַר דער עמונע[104] און גרויס גוווּרע[105] און מעסירעסנעפעש[106] אַרויסגעוויזן, דערפאַר איז דאָס אָרט דער הויפּט־זויכע[107] דערפאַר מיט לעגענדע־לופט איינגעהילט, דערפאַר האָט דאָס פאָלק זי אַלע צייטן און אף אַלע טעג פאַר אַלעמען פאַרשלאָסן און פּוסט געלאָזט, און נאָר אין פייערלעכע אויסגענומענע מאָמענטן גרייט אירע טירן פאַר יעדערן צעעפענען און — נאָכאַמאָל — דערפאַר איז זי באַטאָג פּוסט,

---

99	פּאָימעניקעס, כאַפּערס	специальные люди, ловившие на улицах еврейских мальчиков и сдававшие их в солдаты
100	שלאַפּקייט	слабость, болезнь
101	מאַגייפע [מגפה]	мор
102	אַוואַדע [אוודאי]	наверняка
103	דעריקער [דער עיקר]	главное, по существу
104	עמונע [אמונה]	вера
105	גוווּרע [גבורה]	героизм
106	מעסירעסנעפעש [מסירת נפש]	самоотверженность
107	הויפּט־זויכע [זוכה]	наиболее достойный

און באנאכט, לויטן אָבערגלויבן, פאר נעשאָמעס[108] פון גע־שטאָרבענע א זאמלפונקט, און דערפאר גייט מען און מע האלט זיך, ווער ס'דארף באנאכט, פונדערווײַטנס פון איר, און דערפאר איז אליין אפילע[109] דער שאמעס, איידער ער עפנט זי אויף איינדערפרי, קלאפט ער פריִער אָן אין דער טיר, ווען מע דארף, פון די באנאכטיקע נעשאָמעס, וואָס קלײַבן זיך אהין, וועגן זײַן אָנקומען צו וויסן געבן[110]...

זי איז הויך, די שול, דער העכסטער ביניען פון שטאָט, העכער פון איר טאָר מען, לויטן מינהעג[111], קיינעם ניט לאָזן זיך בויען. דער איינציקער ביניען, וואָס פארמעסט זיך מיט איר אין הויכקײַט, איז דער קלויסטער פון שטאָט, אָבער יענער איז קיין ביניען, יענער גייט אין כעזשבן ניט ארײַן[112], יענער איז פון פרעמדן פאָלק און פרעמדן מאל־כעס. און א פרעמדן, ביפראט[113], ווען יענער איז דער שטארקער, מוז מען, ווי באוווסט, דאָך נאָכגעבן...

דאָס איז די אלטע שול.

דאן קומען די שולן פון פארשיידענע באלמעלאָכישע פאכן[114], סאָכריש־הענדלערשע בראנזשעס[115], פון פרומע

---

108 נעשאָמעס [נשמות] — души

109 אפילע [אפילו] — даже

110 צו וויסן געבן — сообщить

111 מינהעג [מינהג] — обычай

112 ארײַנגײַן אין כעזשבן [חשבון] — считаться, входить

113 ביפראט [בפרט] — в частности, особенно

114 באלמעלאָכישע [בעל־מלא־כישע] פאכן — ремесленные специальности

115 סאָכריש [סוחריש]־הענד־לערשע בראנזשעס — отделения торговых фирм

און ווילטעטיקע כעוורעס[116] — שולן פון שוסטערס, שנײַ־
דערס, שמידן, סטעלמאכערס, קאצאָווים[117]; שולן פון טוווע־
העגדלער[118], מויכער־פּיירעס[119], דאָנער (פאר די, וואָס
פאָרן אפן דאָן), מאָסקווער, דאנציקער, ביקור־כוילים[120]
אאוו. פון אנדערע כעוורעס און כסידים־סעקטעס, — און
דאָס אלץ אף איין אָרט, איינס לעבן אנדערן, איינס אונטער
און איבער דעם אנדערן. און איצט, באנאכט — אין איינער
א שול איינע נאָר א ליכט לויכט זיך, אין דער אנדערער —
קיין ליכט, אין דער דריטער פיל ליכט; אין איינער קיין
נאכט־לערנער, אין דער צווייטער — איינער אָדער צוויי
לערנער, און די אלטע שול מיט איר הויכער פינצטערקײַט,
פארשלאָפנקײַט, מיט איר געפלאסטערטן צוגאנג און שטור־
מע טירן — איבער זיי אלע, שטייט און דעקט זיי, שטייט
און דרעמלענדיק וואכט איבער זיי.

---

116 פרומע און ווילטעטיקע כעוורעס [חברות]	религиозные и благотворительные общества
117 קאצאָווים [קצבים]	мясники
118 טוווע־הענדלער [תבואה־הענדלער]	торговцы зерном
119 מויכער־פּיירעס [מוכר־פּירות]	торговец фруктами
120 ביקור־כוילים [בקור־הולים]	общество посещения больных

4*

ДАВИД ГОФШТЕЙН (1889—1952)



Родился в местечке Коростышев, под Киевом. Отец был служащим в лесном хозяйстве. Вскоре семья переехала в деревню на Волыни. В 17 лет будущий поэт стал учителем в сельской школе. В 1907 году переехал в Киев, сдал экзамены за шесть классов гимназии, затем служил в армии, после окончания службы учился в Киевском коммерческом институте.

Девяти лет Давид Гофштейн начал писать стихи, сперва на иврите, затем на русском и украинском языках. С 1917 публиковал стихотворения и переводы на идиш, став одним из руководителей киевской творческой организации «Культур-лига», которая оставила заметный след в еврейской литературной среде тех лет. Затем он переехал в Москву, где был одним из редакторов альманаха «Штром» («Поток»). Начиная с 1923 года жил в Берлине, печатался в Нью-Йоркском периодическом издании на идиш «Цукунфт» («Будущее»). В 1925 переехал в Палестину, однако его тянуло в Россию, где жили два его сына, оставшиеся сиротами после смерти матери. В 1926 году поэт вернулся в СССР и с тех пор выпустил около двух десятков лирических сборников, много переводил с русского и украинского. В 1939, к пятидесятилетнему юбилею великого поэта, вышел сборник переводов его произведений на русский язык — «Новые просторы».



Во время Отечественной войны Гофштейн был членом Еврейского антифашистского комитета. В конце 1948 года он одним из первых был арестован, и в 1952 году расстрелян вместе с другими крупнейшими еврейскими мастерами слова.

דאָוויד האָפשטיין

אין וואלד

ס'איז האלבער טאָג. ס'איז מיד דאָס אויג פון שיין.
דער מויעך — אָנגעזויעט מיט פינקלען.
דורך הויכע זײַלן כ'גיי ארײַן אין שטילע ווינקלען,
אַף שאָטן כ'לייג זיך צו, מיט שאָטן כ'דעק זיך אײַן.

און ווער פארקליינט, פארדינט. בא מוראשקעס אין הויפן
פון הויכן טורעם קלינגט א גלאָק!
מיליאָנען פיס דאָרט האלטן אין איין לויפן
פון טיר צו טיר, פון שטאָק אַף שטאָק.

אַט אײַלט דאָ איינע נעבן מיר. מיט גרויסער האנט
כ'האק איבער איר דעם וועג און קוק אָן לאכן,
ווי בעריעש ווארפט זי זיך, ווי אַף א גלײַכן,
און ס'ברענט אין הארץ בא איר א פײַער־בראנד.

אַט בין איך ווידער גרויס, כ'שטיי אוף און גלײַך זיך אויס.
ווי הויך די זון איז, כ'גיב א קוק דורך הויכע פענצטער —
איצט צווישן ביימער־ברידער בין איך שוין דער קלענסטער
און טראָג ארויס מײַן יונגע פרייד פון זייער הויז...

ДАВИД ГОФШТЕЙН

В ЛЕСУ

Полдневным солнцем взор мой утомлен.
Подобен лес лучистому виденью.
Я прохожу сквозь блеск его колонн,
Ложусь на тень и укрываюсь тенью.
Я уменьшаюсь. Братья муравьи
Неугомонным подняты набатом.
Из двери в дверь, по выступам и скатам
Стремится ток их дружной толчеи.
А этот отделился от ватаги.
Шутя я преградил малютке путь,
А он не соглашается свернуть,
И дорог мне напор его отваги.
И вновь я запрокидываю взгляд
К высокому слепящему проёму.
Теперь в толпе деревьев младший брат,
Я радуюсь их трепетному дому...

פונעם בוך „פאַרטאָג“

(1917)

* * *

אַ צײַט, אַ צאָל, אַ רוים,
איך שפּאַן ארום מיט יונגע טריט
אף שוועבנדיקן ברעגן־זוים
פון אײַער גרויסער מיט!..
נאָך מיר אף פײַכטן זאמד
מײַן שאָטן שפּאַנט.
מיט גרינגע פינגער האלט איך קוים
מײַן ווענטקע אין דער האנט,
כ'פאַרוואַרף זי אין די טיפן
פון אײַער גרײס.
און טראָפּנס אײביקײַט מיר טריפן
אין לויכטנדיקער אויגן־שאַרף
פון אלץ, וואָס כ'צי ארויס...

ИЗ КНИГИ «РАССВЕТ»

(1917)

* * *

О время, о пространство, о число!
Как на прибой, ступил на вашу грань я,
И юный взор мой ваше простиранье,
Как дали океана, увлекло...
По зыбкой кромке влажного песка,
Что вашей необъятностью объята,
За мною тень ступает воровато,
И удочка в руке моей легка.
Среди миров, стремясь постигнуть вас,
Я удочку мою в рассветный час
Закидываю с берега земного.
И в пламенную зоркость юных глаз
Стекают капли вечности с улова...

אין וועג

כ׳וועל שווערן, אַט אָ־דאָ בין איך געווען אַמאָל,
און ס׳האָבן אָפּגעשפּיגלט מײַנע אויגן
אי אַט דעם וואַלד, אי אַט דעם טאָל,
אי אַט דעם זאַמד, וואָס האָט זײַן גרונט פאַרצויגן.
עס סקריפּעט שטיל די ראָד,
און הילכיק קלאַפּט אין מיר
מײַן מענטשלעכער, מײַן מעכטיקער זיכּאָרן,
אָ, ער געדענקט נאָך יעדן קער
אויף יעדן וועג פון אַלע מײַנע יאָרן...
...איך שווער, איך שווער, עס איז געשען!
אין טרוים, אין אַנדער אורגעשטאַלט
איך האָב דעם טאָל געזען,
איך בין געווען
אין אַט דעם וואַלד...

В ПУТИ

Клянусь, мне этот лес уже знаком,
И эту нисходящую покато
Долину видел я когда-то
И дно её, покрытое песком.
Под колеса скрипучее болтанье
Во мне ликует память, сохранив
Любой ничтожнейший извив
На всех дорогах моего скитанья...
Клянусь я, этот миг воскрес!
В какой-то бытности старинной
Я этой двигался долиной,
И простирался
Этот лес...

אַן עפּל

דו, רייִנער לאָגל פֿול מיט ווייַן, מיט שנייִק האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופּטיק איז דייַן דיניבק הייַטל,
ווי מילד פֿאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך מיט צאַרטע
פֿון ביידע זייַטן!

וואָס זאָל איך טאָן? די ציין, דער גומען וואַרטן.
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אַזאַ גרוס אַ העלן אַ געגאַרטן
פֿון פֿרילינגס-פֿרייִדן?

אַ ווייַטער גרוס פֿון ווייַסע בליטן,
פֿון ערדן-דויך מיט זונען-שטראַלן,
נאָר אָט די ציין — זיי וואַרטן, היטן,
אַ ביס — פֿאַרפֿאַלן...

ЯБЛОКО

Ты снегом и вином наполненный сосуд.
О, сколько чистоты в пьянящем аромате,
В тончайшей кожице, чью свежесть берегут
Две нежные печати!

Чем утолят беснующийся пыл
Язык и нёбо? Жаждущему взгляду
Как приказать мне, чтобы не испил
Весеннюю усладу?

Ты память снежной белизны
Цветов и солнечного шквала!..
Но зубы ждут, занесены,
Укус — пропало...

* * *

כ'האָב דערזען זי באַם טײַך
אונטער צווײַגן,
אונטער גרינעם, מיט הימל פֿאַרלאַטעטן דאַך.
אין אַ פּאָר צענדליק טריט,
אױף דעם ערדישן שווײַגן
האָט געשטומט דאָרט אַ שטיין,
אַ פֿאַראַקשנטער גליד
פֿון מײַן אורלאַנדס צעזייטן, צעשטויבטן געביין...

כ'האָב דערזען זי אין נאַקעטער פֿרייד פֿון איר לײַב,
אין צעפֿלאָסענער קרוין פֿון די דופּטיקע האָר,
כ'האָב דערהערט פֿון די טיפֿן פֿון אורייונגע יאָר:
— אָט אָ־די רופֿט מען ווײַב!

* * *

Я увидел ее у реки
Под нависшей
Из сплетенных ветвей зеленеющей крышей,
Что заплатана белизной облаков.
В двух десятках шагов,
Где листва поредела,
Там, к молчанью земному припав,
Немо камень чернел — распыленного тела
Моей родины древней упрямый сустав...

Я увидел — ликующе обнажена,
Шла в короне волос, что волной ниспадали,
И ко мне донеслось из воскреснувшей дали
Древне-юных времен:
— Её имя Жена!

Перевод В. Слуцкого

נאָכעם שטיף

„פון"

די פּרעפּאָזיציע (צווישנוואָרט) „פון" פאַרנעמט אין דעם לעבעדיקן שפּראַך־געברויך א היפּש אָרט. זי פירט אויס א סאך פאַרשיידנאַרטיקע פונקציעס. האַלטן דאָס אָבער אונדזערע פּענמענטשן פאַר ווייניק. באוווסט און אומבאוווסט, צומיינסטנס אין איבערזעצונגען פון רוסיש, וויל מען אין דער שריפט־שפּראך צי̇ען דעם „פון" אזוי ווי א שטיקל גומען, פאַרשטופּן מיט אים אלע לעכער. אין דער איי̄ליקער צייטונג־שפּראך איז דער „פון" געוואָרן עפּעס א מין אוניווערסאַלער רעצעפּט קעגן אלע שפּראך־ווייטיקן. אָנשטאָט א קלער צו טאָן, פּרווון אן אנדער וואָרטשטעלונג, אן אנדער זאצבוי האָט מען גרייט דעם „פון" און מ'איז מיט אים יויצע. דער „פון" איז געוואָרן א כאַאָס,

א מאקע. ער פלאָנטערט זיך פאַר די פיס און דעזאָרגאַניזירט די שפּראַך, מאַכט פון איר א זשאַרגאָן. דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז פון שפּראַך־עסטעטיק (כאָטש איך האַלט שפּראַך־עסטעטיק, ווי א טייל שפּראַך־קולטור, אויך ניט פאַר אָפּגע־פרעגט); דאָ האַנדלט זיך פון קלאָרקייט, פון ריכטיק איבערגעבן און באַנעמען א געדאַנק. מיט דעם „פון" באַוויזט מען שוין א קונץ צו פאַרטונקלען דעם גע־דאַנק, אריינלייגן אָפּטמאָל אין זאַץ צוויי גרונט־פאַרשיידענע מיינען, וואָס איינעם פון זיי איז מען זיכער ניט אויסן.

ס'איז שוין צייט דעריבער זיך ערנסט צו פאַרנעמען מיט דעם „פון", וויַזן מיט דער לאָגיק און מיט דער פּראַקטיק פון דער שפּראַך, ווי מ'דאַרף דעם „פון" געניטיק האָבן, ווי מ'קאָן זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אים, ווי מ'דאַרף זיך באַגיין אָן אים, ווייל ער שטערט, ער פאַרוויסט די שפּראַך.

איך וועל אָנהייבן פון:

I

יאָ — „פון"

1) רוים און באַוועגונג

1) „פון" האָט א נאַטירלעכע פונקציע (לויט אונדזער שפּראַך־געפיל) צו וויַזן דעם אויסגאַנג־פּונקט פון א באַוועגונג (רוים־באַגריף), אָדער די זאַך, וואָס מ'איז געווען נאָענט צו איר באַם אָנהייב באַוועגונג. „פון" קומט דאָ נאָך אזוינע צייטווערטער, ווי:

גיין, ארויסגיין, וויַכן, אָפּשיידן זיך, פאַלן, טרייַבן, יאָגן, נעמען, קומען, באַקומען, באַציִען, ארויסציִען, ארויסנעמען אאַוו.

אין רוסיש ניצט דאָ из, с, от.

דאָ קאָנען געמאָלט זיַין צוויי פאַלן: א) מ'איז אויסן דעריקער צו וויַזן, אז מ'האָט זיך דערווייַטערט אָדער מ'דערווייַטערט עפּעס פון א געוויסן אָרט,

פון א געוויסער זאך; ב) מ׳איז אויסן הערי̇קער צו וויי̇זן, אז דער אויסגאנג־פונקט איז די באשטימטע זאך, ניט קיין אנדערע. אשטייגער:

„זיך ארויסקראטשקען פון דער בלאָטע״ (ש״א).

צו דער דאָזיקער גרופּע געהערט אויך דער פארבונד מיט „שטאמען״, „אָפּשטאמען״, „ארויסקומען״.

„דאָס שטאמט פון דעם קליינעם ווערטיק״ (ש״א).

אין דעם פאל, ווען מ׳גיט אָן דאָס אָרט קאָנקרעט באם נאָמען, איז דאָס מעגלעך פאראלעל אויסצודריקן מיט אן אייגנשאפטוואָרט:

„מיין מאמעס מאמע איז פון מעזשערעטשקע און עפּראָסיס טאטע... איז אויך א מעזשערעטשקער״ (ש״א).

„ווער עס איז פון נעמיראָוו איז ניט פון געבעראָוו״ (ש״א). זאָגט מען אויך: „א נעמעראָווער איז ניט קיין געבעראָווער״ (ש״א) אאוו.

אַנשטאָט „פון״ טרעפט מען דאָ אָפטמאָל: „אויס״ (ווי מיר שיי̇נט, — דער־הויפּט אין פוילישן ייִדיש).

„אויס די אויגן — אויס דעם הארץ״ (ש״א).

„דער רוסע רעדט הי̇נט אויס דיר״ (ממ״ס) אאוו.

צווישן די ביידע ווארי̇אנטן א׳ און ב׳ דארף מען רעכענען אזעלכע קאָנסט־רוקציעס, ווו ס׳איז געגעבן דער אָנהייב און דער סאָף פון א באוועגונג, פון אן אויסשטרעק („פון״ — „ביז״).

„מאלאכיי כאבאלע ווארפן אי̇יך פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער״ (ש״א).

2) אין דעם רוים־באגריף לייגט מען ארייַן אן אנדער מיין:

„דעם סענדערן האָט דאָס שטארק געארט, וואָס איך בין אראָפּ פון וועג, אָפּגעבנדיק זיך מיט נארישע זאכן״ (ממ״ס).

דאָ הייסט דאָס: איך בין געוואָרן ניט דער, וואָס אלע, וואָס מ׳דארף זיי̇ן.

צום פארגלייַך דערצו — אזא זאך:

„אראָפּ פון זינען״.

„זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ נארישקייַטן״ אאוו.

אין רוסיש האָבן מיר דאָ из, с, от.

3) „פון“ ניצט מען בא צייַט־באַגריפן:

„געהערט האָב איך פון גאַנץ לאַנג“ (ממ״ס).
ווען ס׳ווערט אָנגעגעבן דער אָנהייב און דער סאָף פון א צייַט־אָפשניט:
„פון עסטער־טאָנעס ביז פורים“ (פ״וו) אאוו.
אין רוסישן האָבן מיר דאָ с, от.

4) אטריבוטן (אייגנשאפטן)

„עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַרשוין פון א ווילדן אויסזען (ממ״ס).
„ער האָט אין זיך נישט אפילו קיין אָדער פון א פּרינץ“ (ממ״ס).
אין דעם לעצטן פאַל קאָן מען דאָס זאָגן מיט אַן אייגנשאַפטוואָרט אויך, אָדער מיט אַזא וואָרט: „א פּרינצישער אָדער“.
„דערפאַר איז זייַן פּאָנעם געווען פון א קינד, א ריז, וואָס טראָגט א קינדיש פּאָנעם“ (אש).
אין רוסיש זאָגט מען דאָס צוזאַמענשטעלנס מיט אַן אייגנשאַפטוואָרט אין גע־ניטיוו, צומטייל מיט из.

5) „פון“ צו באַצייכענען א טייל פון עפּעס:

„איינס פון די דרייַ פּאָנעס ווייס איך — דאָס איז א בעזעם“ (ממ״ס).
דער טייל־באַגריף שטעקט אויך אין אַזוינע קאָמבינאַציעס:
„אויף דעם בוים האָבן געוואַקסן זייער שיינע עפּל, האָט זיך אים זייער געגלוסט, און ער האָט געגעסן פון זיי“ (נאַכמען בראַצלאַווער).
ווען דער טייל־באַגריף איז קאָמבינירט מיט קאָמפּאַראַטיוו און סופּער־לאַטיוו (ערשטער און העכסטער פאַרגלייַכגראַד):
„דער מינדסטער פון די אומעס אויפֿעם“ (ממ״ס).
אין א סאַך פאַלן אין דער דאָזיקער גרופּע לאָזט זיך שוין אויסקומען אָן דעם „פון“, מ׳דריקט דאָס אויס מיט אַן אייגנשאַפטוואָרט:
„איינער א שלאָס אויף דער אייַזערנער טיר פון אוריעל פויזנערס גרויסער קאָלבויקלייט האָט ווירקלעך געכאַפּט דעם אָנבליק פון דעם שלאָס, וואָס הענגט אויף מיילעכס שטיבל“ (בערגעלסאָן).

„פאר דעם מינדסטן פון די אומעס אוילעם זאָל אײַערער דער גרעסטער זיך מאכן קליין" (ממ"ס).

מיר וואָלטן איצט געשריבן אף דעם צײַטונג־לאָשן: „איינער פון די שלעסער".

לויט מענדעלעס מוסטערן קאָן מען שרײַבן: „מיר גייען ארײַן אין איין אזא הויז", ביט דאפקע: „אין איינעם פון אָט די הײַזער" (צ).

מיר וועלן נאָך ווײַטער זען, אז בא א געוויסער גרופע באגריפן פון אָרט און קאָלעקטיוו איז „פון" דאָ איבעריק, מ'מוז זיך באגיין אָן אים.

אין רוסישן האָבן מיר דאָ: из, דאָס אייגנשאפטוואָרט, דעם געניטיוו.

6) „פון" בא געוויסע צײַטווערטער:

רעדן, דערציילן, שמועסן, האנדלען, טראכטן, קלערן, וויסן, זיך דערוויסן, הערן — פון עפעס אאוו. (פארגלײַך מיט דעם טייל — „פון").

„פינעלע האָט זיך אָנגעהערט א סאך מײַסעס פון גרויסע שטעט".

בא אייניקע שרײַבער טרעפן מיר דאָ צומטייל „וועגן" און „מיקויעך" אָנשטאָט „פון".

„קיינער זאָל ניט וויסן וועגן אירע ליידן" (בערגעלסאָן).

אין רוסיש האָבן דאָ: о.

7) „פון" ווײַזט דאָס באווירקט־זײַן, די סיבע פון עפעס:

„פון באָרשטש מיט ברויט ווערן די באקן רויט" (ש"ו).

„דער שטויב איז פונעם לויפן זייער גרויס" (ש"א).

אהער קומט נאָך צו „פון" אין דער פאסיווער זאץ־קאָנסטרוקציע:

„און א פארוויגטער פון די געדאנקען, הייבט זיך אײַך אָן צו דרעמלען" (ש"א).

אָבער די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז אין יידיש ביכלאל שווער. דערפון זאָל נאָך ספעציעל גערעדט ווערן שפעטער.

II

געניטיוו

דער „פון" דינט אונדז זייער שטארק אף איבערצוגעבן דעם (רוסישן, דייטשישן) גענעטיוו. דאָ שטעקט דער גרעסטער קויעך פון אונדזער פּרעפּאָזיציע און די גרעסטע שוואכקייט פון אונדזערע פּובליציסטן אויך.

יידיש האָט דעם געניטיוו אָנגעווירן, אזוי ווי אלע דייטשישע דיאַלעקטן. א קליינער רעשט פון דעם געניטיוו איז אונדז געבליבן אין דעם פּאָסעסיוו (צוגעהעריקייט־פאָרם), ספּעציעל בא באלעבטע און פּערזאָניפיצירטע זאכן, מ'זאָגט (באלעבטע זאכן):

„זיין נאָכעמס זון איז א כאוועֵר מיט דאָדי דעם שרייבערס יינגל" (ש"א).

„א טאטנס א קינד" (פּ"ו).

בא פּערזאָניפיצירטע זאכן:

„די לאנגזאמקייט פון רוסלאנדס אנטוויקלונג" (צ).

אין א קליינעם טייל פאלן האָבן מיר דעם דאָזיקן געניטיוו בא אייניקע זאכווערטער — סטאם. מ'קאָן דאָס צומיינסטנס באטראכטן פאר א פּערזאָניפּי־צירונג אף דער מינוט, אין דעם געגעבענעם פאל.

זייער פּאָפּולער איז די געוויסע קאָמבינאציע מיט „געלט":

„א רועך אין געלטס טאטן אריין" (ש"א).

דאָ איז געלט „באלעבט" געוואָרן איבער דער קאָמבינאציע מיטן וואָרט: „טאטן". א סימען האָבן מיר, — וואָס אויסער אזא קאָמבינאציע לאָזט זיך דאָ דער געניטיוו נישט ניצן:

„אוי־ווי איז יענעם, וואָס אים שטייט ביי דער זכוס פון געלט" (ממ"ס).

נית: „געלטס זכוס".

ס'באמערקט זיך א טענדענץ צו פּארברייטערן די מעגלעכקייט פון דעם געניטיוו:

„דאָס וועט זיין דער אָנהייב פון אלוועלטלעכן דורכרייסן דעם פראָנט — דעם פראָנט פון קאפּיטאלס אינטערעסן" (צ).

און איינע שרייבט אין א ליד אין א וואנטצייטונג:

דעם קלובס צוויי יאָר".

כוץ דעם דאָזיקן געניטיוו־איגדזל, קומען מיר אָן צום „פון" אין א סאך גרופּעס, וואָס אין אנדערע שפּראכן, ריכטיקער, אין דער ליטעראטור אין אנ־דערע שפּראכן (רוסיש, דייטש), האָבן מיר פאר זיי דעם געניטיוו. אויסער־

כענען דאָ די גרופּעס פֿאַלן, ווו מיר מוזן און קאָנען ניצן דעם „פֿון", דאָס האַלט איך פֿאַר איבעריק, וואָרעם בא אונדז זינדיקט מען מיט צופֿיל — „פֿון". ניט מיט צו ווייניק. מײַן צוועק איז פּונקט פֿאַרקערט (ווי שוין פֿריִער דערמאָנט) ווײַזן: 1) ווו מ׳קאָן זיך באַגיין אָן דעם „פֿון", 2) ווו מ׳מוז זיך באַגיין אָן אים, ווײַל ער גריִלצט.

III

מ׳קאָן אויסקומען אָן „פֿון"

1) „פֿאַר", „ווי", „ווידער", „אַז" קאָנקורירן מיט „פֿון"

באַם פֿאַרגלײַך:

„פֿאַר" טרעפֿן מיר דערהויפּט בא פֿערעצן:

„איין זאַל איז גרעסער און העכער געווען פֿאַר דעם צווייטן".

„פֿאַר" אין דער פֿאָלקס־שפּראַך:

„וואָס איז העכער פֿאַר אַ הויז
און וואָס איז פֿלינקער פֿאַר אַ מויז,
— — — — — — — — — — — — — —
וואָס איז טיפֿער פֿאַר אַ קוואַל
און וואָס איז ביטערער פֿאַר אַ גאַל" (פּ״ל).

אין דער לעבעדיקער פֿאָלקס־שפּראַך איז „ווי" זייער אָנגענומען, אַשטייגער, אין די שפּריכווערטער:

„אָן איבערעדעניש איז ערגער ווי אַ קרענק".

„אַז" אָנשטאָט „פֿון":

„דער מעטראָפּאָליטען־טעאַטער איז געווען געפּאַקט, מער אַז 5000 מאַן" (ש״א).

בכלל אָבער געהערט „אַז" צום ליטוויש־רײַסישן יידיש.

אין אַ סאַך פֿאַלן קאָן מען דאָ ניצן „אײדער" אויך. ס׳זײַנען פֿאַראַן קאָמבינאַציעס אָן קיין פּרעפּאָזיציע:

„זײַן ווײַב האָט אים קאַרגער אַ יאָר נאָך דער חתונה געבוירן אַ יאַטל" (ש״א).

אָבער אויך:

„דערווײַל האָט ער אַלס לערער פֿאַרבראַכט אין דעם דאָרף עטוואָס קאַר־גער פֿון דרײַ יאָר” (ש״א).

פּעסט אָן אַ פּרעפּאָזיציע קאָן מען רעכענען די קאָמבינאַציע מיט „העכער”.

בײַ רוים־באַגריפֿן:

„ס׳זאָל דיר וואַרפֿן „העכער דעכער” (אָדער: „העכער הײַזער”, „העכער בערג” (פּ״ו).

„די צוויי קלויסטער־שפּיצן האָבן געשטעקט העכער די דעכער, העכער אַלע שטאָטישע געשטאַלטן” (בערגעלסאָן).

בײַ צײַט־באַגריפֿן:

„אַלס מעכאַבער בין איך דאָך שוין העכער 20 יאָר אָן אַלאָוו־האַשאַלעמ־ניק” (ליניעצקי).

„איצט דערגרייכט שוין זייער צאָל ביז העכער הונדערט” (צ).

אין אונדזער צײַטונג־שפּראַך טרעפֿן מיר קימאַט דורכויס „פֿון” (ווײַל מ׳האַלט זיך בײַ דעם רוסישן געניטיוו), אַפֿילע אין דער קאָמבינאַציע מיט „מער”, מיט „העכער” (אויסנאַמען טרעפֿן זיך זעלטן):

„מיר האָבן אָבער געהאַט ניט מער פֿון 50 ביכער” (צ).

„פֿון” באַם פֿאַרגלײַך איז ניט קיין גרײַז; ס׳לוינט אָבער יעדנפֿאַלס ניצן פּאַראַלעל דעם „ווי”, „פֿאַר” אויך, ווײַניקסטנס אין אַזוינע פֿאַלן, ווען מיר האָבן דעם „פֿון” 2 און 3 מאָל אין איין זאַץ.

2) אַ צײַטוואָרט אָנשטאָט אַ זאַכוואָרט מיט „פֿון”

„שטאַרק באַשעפֿטיקט מיט אײַנפּאַקן די קלומעקעס” (ממ״ס).

איז דאָס אַ סאַך גלאַטער, שענער, איידער דאָס זאַכוואָרט פֿון דעם זעלבן שורעש מיט „פֿון” (איבערגעזעצט דאָס רוסישע זאַכוואָרט מיט דעם געניטיוו):

„וועגן אופֿבוי פֿון אונדזער אינדוסטריע” (צ).

מ׳קאָן (און מ׳דאַרף) זאָגן:

„וועגן אופֿבויען אונדזער אינדוסטריע”.

„דאָס איז ווײַטער די קריטיק סײַ פֿון כאָסיד, סײַ פֿון אַריסטאָקראַט”.

פֿרעגט זיך: וואָס איז דאָ דער כאָסיד, דער אַריסטאָקראַט, — די קריטי־קער אָדער די קריטיקירטע? דער אוטאָר וויל האָבן, אַז די קריטיקירטע; דאָס הייסט:

דאָס איז ווײַטער קריטיקירן סײַ דעם כאָסיד, סײַ דעם...

מ׳דאַרף זאָגן, אַז די דאָזיקע פֿאָרם, — אַ צײַטוואָרט אָנשטאָט דעם זאַכ־וואָרט מיט „פֿון”, — ווערט די לעצטע צײַט זייער פּאָפּולער אין אונדזער פּרע־

סע, אָבער דער רוסישער געניטיוו („פון") ליגט נאָך שטאַרק אײַנגעבאַקן אין האַרצן. ס'איז שווער זיך מיט אים צו שיידן; טרעפן מיר אַזוינע אַנדרויִגעניסן:

„דאָס ניט גלייבן אין דער בווּנג פון סאָציאַליזם, דאָס ניט גלייבן אין שאַפן אַ סאָציאַליסטישע אוקראַינע... צווינגט..." (צ).

פאַרוואָס ניט מיט אַ צײַטוואָרט: „דאָס ניט גלייבן אין בויען סאָציאַליזם", אַזוי ווי ס'איז געבויט דער צווייטער טייל זאַץ?

אָדער מ'זעצט צו דעם „פון" צום צײַטוואָרט:

„די פּויאַליי־ציִאָן זאָגן זיך אָפּ פון אַרײַנטרעטן אין אַגראַ" (צ).

דאָס הייסט: זאָגן זיך אָפּ אַרײַנצוטרעטן אאַוו.

„האָט שוין מעגלעך געמאַכט דאָס אויסטיילן פון 2 אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלע ראַיאָנען" (זש).

דאָס הייסט:

האָט שוין מעגלעך געמאַכט אויסצוטיילן 2... אאַוו.

בײַ מענדעלען האָב איך געטראָפן אַ מאָדנע פאָרם פאַרקערט: אַ זאַכוואָרט אָן „פון", אָנשטאָט אַ צײַטוואָרט:

„עס שטעלט זיך פאָר שמוּליקן די וואָר מיט דעם הינטישן לעבן, מיט דעם אַרומלויפעניש, מיט די כאַרפּעס, ביזיונעס און דעם זוכעניש דאָס דאַר שטיקל ברויט".

נאַטירלעכער וואָלט דאָ געווען „זוכן", אָדער „מיט דעם זוכן" (אָפּגע־וואָרפן דעם „און").

אָן ענלעכע פאָרם האָב איך געטראָפן אין אונדזער פּרעסע:

„פון אומעטום דאַרפן זיי אָפּשפּאָרן געלט... און בעסער אָרגאַניזירן דעם אָפּזאַץ און די באַזאָרגונג דעם אָרעמען קוסטאַר" (צ).

ס'דאַרף זײַן: „דאָס באַזאָרגן".

מ'דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז אונדזער צײַטונג־שרײַבער האָט דאָ נאָכ־געמאַכט מענדעלען: דאָס איז „פון דעם אייגענעם קאָפּ", אויב ס'איז דאָ בע־טאָעס ניט אַרויסגעפאַלן באַם „כאַוועד האַזעצער" דאָס וואָרט „פון" נאָך „באַ־זאָרגונג".

3) אָן אייגנשאַפטוואָרט, אָנשטאָט אַ זאַכוואָרט מיט „פון" פאַר דעם

דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן פּאַשעטער פאַר אַזאַ אויסדרוק ווי „טשערנאָווי־צער ראָוו" (אַף רוסיש זאָגט מען דאָך אויך אַזוי!), איז שרײַבט מען אין אונד־זער פּרעסע דאַפקע:

„האָבן די גוטע־יידן איבייגעם מיטן ראָוו פון טשערנאָוויץ" (צ).

דאָס זעלבע איז מיט דעם זאַץ:

„די פײַערלעשער־קאָמאַנדעס פון כאַרקאָוו װעלן באַזאָרגט װערן מיט אינ־סטרומענטן לויט די סיסטעמען אין אויסלאַנד" (צ).

דאָס הייסט:

די כאַרקאָווער קאָמאַנדעס פײַערלעשער װעט מען באַזאָרגן מיט אינסטרו־מענטן לויט (בעסער: „פון") אויסלענדישע סיסטעמען.

אָדער:

די קאָמאַנדעס פײַערלעשער פון כאַרקאָוו װעט מען... אאוו.

„לויט אייניקע פאַקטן האָט די פּסיכאָלאָגיע פון די יאַהודים הינטער זיך א היסטאָרישע כאַזאָקע" (היילינקמאַן).

דאָס הייסט: „די יאַהודימשע פּסיכאָלאָגיע".

בערגעלסאָן שרײַבט:

„זיי שלינגען מענטשישע װילנס".

און א צײַטונג־מענטש זאָגט:

„אפילע די פּענעמער פון די מענטשן האָבן אָנגענומען איין פאָרם" (צ).

4) א צונױפגעזעצט װאָרט (קאָמפּאָזיט) אַנשטאָט צוויי ווערטער מיט „פון" אינדערמיט

בערגעלסאָן שרײַבט, אשטייגער:

„די פור... האָט געלאָזט נאָך זיך לאַנגע צוויי רעדער־סימאָנים".

דער ניסטער שרײַבט:

„מיט הויקער־זיפּצעלער".

„מידבער־אָוונטקײַט".

און אין די צײַטונגען בײַ אונדז שרײַבט מען:

„דער שטעמפּל פון הונגער איז געבליבן אויסגעדריקט אף אלעמען (צ).

„דערציילט װעגן דער באַוועגונג פון די פּיאָנערן אין דער װעלט" (צ).

אַנשטאָט: „דער הונגער־שטעמפּל", „פּיאָנערן־באַוועגונג",

װיאַזוי ס'פּלאָנטערט א געניטער שרײַבער:

„הײַנט איז א טאָג פון מײַן הונגער" (אש).

און באַלד דערנאָך פּאַשעט:

„הײַנט איז מײַן הונגער־טאָג".

אין ערשטן פאַל האָבן מיר דאָ א װירקונג פון דער פּרעסע (די זאַצן זײַנען גענומען פון דער „מוטער"), אין א לעצט װערק אשס. די װירקונג פון דער פּרעסע אף אשס שפּראַך און סטיל די לעצטע יאָרן װאָלט מען געקאָנט װײַזן מיט א סאַך אַנדערע זאַכן; ניט דאָ איז דאָס אָרט.

צונױפזעצונג איז בײַ אונדז אין אלטער אויסגעפּרוּװטער װעג פאַר װאָרט־בילדונג. דוכט זיך, אז אונדזערע פּרעסע־מענטשן הייבן דאָס אָן צו פאַרגעסן.

מ׳קאָן זיי נאָר ראַטן: לייענט ניסטערן וועט איר זען, וואָסערע קונצן מ׳קאָן דערמיט דערלאַנגען, און וויאַזוי מיר זײַנען קינדערש אומבאַהאָלפן מיט די נע־בעכדיקסטע אויסדרוקן.

5) „אין", „בא", „צו", אַנשטאָט „פון"

פּערעץ שרײַבט:

„צופוסנס באם הויכן בארג ליגן לענדער פרײַע".

און אין א צײַטונג שרײַבט מען:

„אַן אונטערזוכונג אין די הײַזער פון די יידישע וואָכערניקעס".

דאָס הייסט: א רעוויזיע אין די הײַזער בא... אאוו.

שאָלעם־אַליכעם שרײַבט:

„ער איז ניט־ווילנדיק אויסגעוואקסן בא זײַנע כאוויירים אין די אויגן".

א צײַטונג־מענטש:

„ער איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון קליי־קוידעש".

דאָס הייסט: מ׳האָט אים איבערגעגעבן צו (אָדער אָן „צו") קליי־קוידעש אין די הענט ארײַן.

מ׳שרײַבט בא אונדז:

„די שפּעטערדיקע געזעצגעבער פון קיזערלעכן רוסלאַנד" (הייליקמאַן).

„דער פאַרשטייער פון „קאָמערד" פון מאָר־ופאַלער און זאַפּאָראָזשיער קרײַזן" (צ).

אין ערשטן פאַל קאָן מען גאַנץ גוט אויסקומען מיט „אין"; אין צווייטן דאַרף מען שרײַבן „אין" (דאָס צווייטע מאָל), שוין דערפאַר אַליין, מ׳זאָל אויס־מײַדן דאָס געשמאַקע צווײ מאָל „פון" אין איין שורע: ס׳איז לאַנגישער, קלאָ־רער אויך.

„דער יידישער ארבעטער פון פוילן וועט אָבער מאכן אנדערע אויספירן" (צ).

וואָס איז דאָ געמיינט: 1) דער יידישער ארבעטער (ארבעטערשאפט), וואָס וווינט איצט אין פוילן, 2) אָדער אזוינער, וואָס שטאַמט פון דאָרט? דער שרײַ־בער איז אויסן דעם ערשטן פאַל. איז „אין", ניט „פון".

ווען צו אונדזער איינעם זאָל אָנקומען אין די הענט, אשטייגער, אזא זאַץ:

„ער האָט ווייך געמאַכט די הערצער בא קליינשטעטלדיקע מיידלעך".

וואָלט ער אים באַלד „פאַריכט": געשטעלט „פון" אַנשטאָט „בא", זיכער געווען, אַז ער פאַרהיט יענעם פאַר א גרײַז. דער זאַץ געהערט אָבער בערגעל־סאָנען.

IV

„פון" איז פאלש, מ׳טאָר אים ניט ניצן

1) אָנשטאָט דעם געניטיוו בא באַלעבטע און פּערזאָניפיצירטע זאַכן

מיר האָבן שוין פריִער געזען, אַז די גרופּע באַלעבטע און פּערזאָניפיצירטע זאַכן איז די איינציקע, וווּ ס׳לאָזט זיך זיכער פּראָווענדן דער געהעריקייט־געניטיוו. מיר האָבן אויך געזען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרברייטערן די דאָזיקע גרופּע, איבערוואַרפן פונדאַנעץ אַ בריק צו סטאַם־זאַכווערטער.

ווי ווײַט דער געניטיוו לאָזט זיך דאָ ציִען און וווּהין דאָס וועט אונדז פירן, — דאָס לאָזט זיך נאָך איצט ניט זאָגן, אָבער איין זאַך איז קלאָר:

מ׳דאַרף ניט פאַרשמעלערן, מ׳דאַרף ניט אויסרײַסן מיט די הענט דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן. ס׳איז ווילד, ס׳האָט קיין נאָמען ניט, ווען אין אונדזער פּרעסע שרײַבט מען דורכאַנאַנד:

„די מיטיילונג פון כ׳ מערעזשין" (צ).

„דער יוביליי פון כ׳ באַך" (צ).

קיין פּאָלקסמענטש, קיין אַרבעטער (אויב ער איז נאָר נישט קיין „אָנגע־לייענטער") וועט אַזוי נישט זאָגן, ער וועט זאָגן: „כ׳ מערעזשינס", „כ׳ באַכס" אאַוו.

דעם אומגליקלעכן „פון" טרעפט איר אָבער נישט בלויז בא כראָניקיאָרן (וואָס טוט דער רעדאַקטאָר?), איר טרעפט אים בא אָנגעזעענע שרײַבער אויך:

„איך לאָז דורך די טעאַטעטישע כקירעס פון כ׳ איגרעק".

„דער אוילעם, וואָס באַזוכט דעם ווינקעלער פון שימען מאַרק".

זאָל מען זיך ניט פאַרופן אַף אַ פּאָר פאַלן, ווען מיר טרעפן דעם ווילדן געניטיוו בא די קלאַסיקער:

„קומט אים פלוצעם צו די אויגן דאָס טײַערע געשטאַלט, די ליכטיקע צורע פון ביילען" (ממ״ס).

„לאָזט ער זיך אַוועק ווידער אין הויף פון דעם מאַגנאַט" (ש״א) אדג.

אַף שלעכטס העלפן נישט קיין אויטאָריטעטן. ס׳איז בעפּייִרעש שלעכט. שענער וואָלט דאָ געווען: „ביילעס טײַער געשטאַלט, איר ליכטיקע צורע; „אין מאַגנאַטס הויף", אָדער: „צום מאַגנאַט אין הויף אַרײַן". בא מענדעלען, וואָס איז, אַגעוו, אַף דער עלטער געוואָרן אַ גרויסער „גראַמאַטיי" און שטאַרק גע־האַלטן אין קאָפּ די רוסישע גראַמאַטיק (איך וועל דאָס ווײַזן בא אַן אַנדער געלעגנהייט), נעמט זיך דאָס פון דער קאָנסטרוקציע: איבערגעבן מיט איין

צווישנוואָרט (פֿון) צוויי ס'מאָנים „דאָס טײַערע געשטאַלט" און „די ליכטיקע צורע". בא שאָלעם־אַליכעמען האָט דאָס גלאַט אַרויסגעכאַפּט זיך (ער האָט דאָך אויך געלייענט צײַטונגען!). ריכטיקער אָבער: בא ביידע איז דאָס אַ צופעליקע זאַך, אַזוינס טרעפט איר בא זיי זייער זעלטן. סײַדן אין ספּעציעלע פאַלן, ווען די קאָנסטרוקציע מיט „פֿון" איז גלאַטער, ווען דער געניטיוו קומט אָן שווער, אָנגעצויגן, אַשטייגער, אין דעם פאַל, ווען פאַר דעם זאַכוואָרט, וואָס דאַרף שטיין מיט דעם געניטיוו, שטייט נאָך אַן אייגנשאַפטוואָרט אָדער אַ הויפּט־וואָרט, כוץ דעם אַרטיקל (דעם, דער, אַ) אָדער דעם פּראָנאָם (מײַן, אײַער אאַוו.), ביפראַט אַ מער טראַפיק וואָרט:

דאָס טרויעריקע בילד פֿון זײַן באַליידיקטן כאַווער" (ש"א).
דאָס איז גלאַטער אײדער: „זײַן באַליידיקטן כאַווערס טרויעריק בילד".

2) ווען ס'רעדט זיך פֿון אַ מאַסע, אַ קאָלעקטיוו, אַ סומע

מ'זאָגט אַף ייִדיש:
„אַן אײדע ייִדן".
„באַלד טאַקע געפינט ער זיך צווישן אַ רעדל ייִדן" (ממ"ס).
„אַ גרויס זייער פרײַנטלעך דעם גאַנצן שטעטל ייִדן" (ממ"ס).
„מע טרײַבט זיי אַקעגן אַ גראָמאַדע צויטיקע שוואַרצע וועלף" (פּערעץ).
„אַ יאַם קוילעס, אַ מאַבל קלעפּ און שלעק" (פּערעץ).
„עס עפנט זיך אַ קוואַל געפילן פֿון ליבשאַפט" (ממ"ס).
„דערויף זײַנען דאָך בא אײַך דאָ מאַכנעס נאַראָנים" (ממ"ס).
„די גאַנצע וועלט ראַכמאָנעס ליגט אַף איר צעלייגט" (א. פוקס).
„אירע אויגן האָבן אַ שטראָם טרערן אַ זעץ געטאָן" (אש).
„אַ בינטל בריוו".

בא אונדז אין דער פּרעסע שרײַבט מען:
„זיבן ייִשווים פֿון איבערוואַנדערער זײַנען פאַרייניקט געוואָרן" אאַוו. (צ).
„פּערעץ פאַרבלײַבט געטרײַ יענעם קרײַז פֿון טעמעס און געשטאַלטן, וועל־כע" אאַוו. (שר).
„אַ כוואַליע פֿון מיטינגען און פּראָטעסטן האָט זיך דורכגעקײַקלט" (צ).
„קאָמפּלעקס פֿון געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען" (צ).
„אַ לאַבירינט פֿון אַאודיטאָריעס, קאַבינעטן, מוזייען" (צ).

וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָ „פֿון"? ווער דאַרף אים? ס'איז נישט מער, ווי דאָס אווטאָמאַטישע איבערזעצן דעם רוסישן געניטיוו, צומײַנסטנס דירעקט פֿון רוסישן טעקסט.

מ'דאַרף זאָגן: עפּעס בעסערט זיך אין דעם פּראַט די לעצטע צייט אין דער פּרעסע אויך:

„פון רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן קומען די... ערשטע כוואַליעס באוווסט־זיניקע יידישע עמיגראַנטן" (צ).

„דער באַלעבאַטישער טעל־אַוויוו האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ פאַר־צווייפלטע גרויסע מאַסנע הונגעריקע מענטשן" (צ).

מ'דאַרף זאָגן: „פון" כאַפּט זיך אַרויס בײַ אַנדערע קלאַסיקער אויך:

„געווג, לאָז שוין זיין געווג, עפּעס אַ מאַכל פון ווערטער" (פּערעץ).

„די אויערן הערן די וווּנדערלעכע קאַפּעלע פון שפּילפייגעלער" (ממ"ס).

אַנטקעגן בײַ מענדעלען:

„זי האָט געהאַט פאַרנאָסע פון איר קלייט צעלניק".

אָבער ס'איז קלאָר זיך אַרויסגעכאַפּט: פּערעץ זאָגט פריער: „אַ מאַכל קלעפּ": מענדעלע וואָלט קיינמאָל ניט געזאָגט „אַ קאַפּעלע פון קלעזמער". בײַ שאָלעם־אַליינעמען איז דער זאַץ גענומען פון זיין לעצט ווערק „פונעם יאַריד", ווו ער רעדט פון זיך. דאָס איז שוין די ווירקונג פון דער פּרעסע: טעוויע, מענאַכעם־מענדל און אַנד. פּערסאָנאַזשן וואָלטן בײַ אים קיינמאָל ניט געשפּאַנט „אויצער" מיט „פון", מיסטאָמע וואָלטן זיי געזאָגט: „מיט" (אשטיי־גער: ס'קאָסט אָפּ אַן אויצער מיט געלט).

3) ווען מ'איז אויסן צו באַצייכענען אַ טייל פון אַ קאָנקרעטער זאַך, פון קאָלעקטיוו־זאַכן

(אָבער ניט אָפּגעשיידט פון דעם גאַנצן און ניט צאָלמעסיק, ניט מיט דעם פאַרגלייך־גראַד). דערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך פון רוים־באַגריפן.

„דער גרעסטער טייל לאַנגע יידישע נעזער איז... די גלופּסקער מעקלער אָנגעקומען" (ממ"ס).

„דער וואָגן איז אָנגעזעצט געווען ענג מיט פאַרשוויגען, קימאַט אַ פערטל קאַבצאַנסק" (ממ"ס).

„נאָר די רעשט וועלט, צי איז דאָס ניט מיינער אַ כאָלעם" (פּערעץ).

„אַ שפּרונג — און דו ביסט אויף יענער זייט בריקל" (ש"א).

„אויף דער אַנדערער זייט יאַם" (פּערעץ).

„אין עק גאַס איז דאָ אַ לאָך" (פּערעץ).

„און דאָס אַלצדינג... אין דער מיט שטאָט" (ממ"ס).

„די גאַנצע וועלט שטייט אויף דעם שפּיץ צונג" (ש"א).

„אין אָנהייב פאַבריקן יאָרהונדערט" (זש).

איז פאַלש צו שרייבן מיט „פון":

„א באדייטנדיקער טייל פון די דאַרפסאַוועטן" (צ).
„זאָל דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג אריינגעצויגן ווערן" (זש).
„דער גרעסטער טייל פון די דעראָבערונגען איז שוין באַטל געוואָרן" (זש).
זאָל אָנגעוויזן ווערן דאָס גוטע אויך:
„דער גרעסטער טייל נייע קאָלאָניעס" (צ).
„א שמאָלער פאס באם ברעג אטלאנטישן אָקעאן" (זש).
„קינסטלעריש אויסצופאָרמירן א שטיק רעוואָליוציאָנערע געשיכטע" (זש).

4) צו באצייכענען די ארט, שטייגער, סיסטעם

אהער קאָן נאָך צוקומען דער באגריף וועגן „פראָצעס" (די דויערנדיקע פאָרמירונג):
„מע דערציילט שרעקלעכע מייסעס פון די שיידים און פון זייער שטייגער־לעבן" (ממ"ס).
„ר' אָשער פלעגט ברענגען רייעס פון דער שטייגער־פירונג" (ממ"ס).
„רעפאָעלס שטייגער־אופירונג" איז אויך א דערעך צו דינען דעם איי־בערשטן" (ממ"ס).
איז פאלש צו שרייבן מיט „פון":
„איין טייל פון א סיסטעם פון מייסים" (זש). (פאלש דער צווייטער „פון".
„אין דער סיסטעם פון קאָנסטרוקטיוויזם איז מעגלעך צו געבן די דינאַ־מיק" (זש).
„עס הייבט זיך א נייע וואקכאנאליע פון ווילדקייט" (צ).
„דער פראָצעס פון דער פאַראַרעמונג דויערט" (צ).

V

צי איז דאָס אַלץ, וואָס קאָן און דאַרף געזאָגט ווערן וועגן „פון", צי קאָנען מיר שוין דערמיט אויסקומען אין אַלע פאַלן?
פאַרשטייט זיך, אַז נישט. איך האָב דאָ געגעבן בלויז דאָס עלעמענ־טאַרסטע, דאָס, וואָס לאָזט זיך גרופירן און וואָס צום זאַצבור האָט דאָס נישט,

אָדער האָט זייער ווייניק. די גרעסטע צאָרע אָבער פון אונדזער היַינטיקער שפּראַך, ביפראט פון דער פּרעסע־שפּראַך, איז גראָד דער פּרעמדער, מעמיילע דער שלעכטער זאַצבוי. דער לעפּישער זאַצבוי, צומטייל די צייַטונג־מעליצע, א מין אייגנאַרטיקער „הויכער סטיל", שלעפּט שוין נאָך זיך די „פונעץ" אָן א סאָף, און בעסערן איז דאָ ניט מעגלעך. ס'איז אויך שווער צו גרופּירן אַלע אַזוינע פאַלן. איך וויל דאָ וויַיזן איין גרופּע: די פּאַסיווע זאַצקאָנסטרוקציע.

„ער איז צופּיל פאַרכאַפּט פון דער הוילער ספערע" (צ).

„ווערן פון די שולן ארומגעכאַפּט ווערן די קינדער" אאוו.

מיט די דאָזיקע „פונעץ" לאָזט זיך גאָרנישט ניט מאַכן, וויַיל דער זאַצבוי איז פאַלש. ס'איז אַן ארויסגעוואָרפענע טירכע אויך. קיין בען־אָדאָם זאָגט נישט: „ווערן פון די שולן ארומגעכאַפּט ווערן די קינדער", ס'לייגט זיך גאָר אף דער צונג נישט. ס'איז א פּאַפּירענע שפּראַך, קלאָטשע. דאָ איז ווילד, אווטאָמאַטיש איבערגעזעצט דער רוסישער זאַץ:

Школами будут охвачены, дети.

אַזוי ווי אין אַלע אַזוינע פאַלן, איז מען דאָ „פאַרכאַפּט" פון דעם רוסישן פּאַסיוו מיט דעם „טוואָריטעלני פּאַדעזש", וואָס מיר האָבן אים נישט.

קעגן דער אָנשיקעניש איז פאַראַן איין אייצע — די אַקטיווע קאָנסטרוקציע: „די שולן וועלן ארומכאַפּן די קינדער". אַזוי איז דער זאַץ אויך שלעכט: ס'איז דער געוויסער צייַטונג־זשאַרגאָן! אָבער צייַטונג־זשאַרגאָן איז שוין נישט בלויז אונדזער כאַלאַס, ער איז אינטערנאַציאָנאַל. וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אַן אַנדערש מאָל.

איך וויל דאָ צולעצט דעמאָנסטרירן דעם ווילדן „פון" אין א פּאָר זאַצן, גענומען פון אונדזער פּרעסע און ביכער־שפּראַך, וואָס איך קאָן זיי דערוויַיל נישט איַינטיילן אין קיין גרופּעס. מ'קאָן בלויז אָנוויַיזן דעם קוואַל פון די „אופּטועץ": צייַטונג־מעליצע און דער רוסישער זאַצבוי. איך קלייַב נישט צו, איך נעם די ערשטע פּאָר זאַצן, וואָס קומען מיר צו דער האַנט.

„אַלס באַלעבאַטים איבערן גורל פון די פעלקער נאָך דער מילכאָמע האָבן זיך ארויסגעוויזן די סאַמע פאַרביסנסטע אימפּעריאַליסטן. אין אַלע זייערע טאַטן גייען זיי ארויס ניט פון שטאַנדפּונקט פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יענער באַפעלקערונג, איבער וועלכע זיי באַלעבאַטעווען, נאָר בלויז פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך" (צ).

די שעפע „פונעץ" האָבן מיר דאָ צו פאַרדאַנקען דעם „שטאַנדפּונקט": פּובליציסטן און פילאָסאָפן האָבן שטענדיק א „שטאַנדפּונקט", מיינען זיי, אז אימפּעריאַליסטן קאָנען זיך אויך אָן דעם ניט באַגיין. בעעמעס אָבער איז פאַר אימפּעריאַליסטן וויכטיקער אינטערעסן, איידער א שטאַנדפּונקט (פאַרקערט: א

„שטאַנדפּונקט“ האָבן זיי זייער א לײַטישן: „ציוויליזאַציע“, „פּראָגרעס“, „דעמאָקראַטיע“ אדג.).

אף פּאָשעט־לאָשן הייסט דאָס: אין אַלע זייערע טועכצן גייט זיי אָן ניט די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג (נאָך בעסער: גייט זיי אָן ניט די באַפעלקערונג), וואָס זיי באַלעבאַטעווען איבער איר; — זיי גייט אָן ענגלאַנדס, פראַנקרײַכס אינטערעסן. אגעוו, ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן פאַרקערט: זיי גייט אָן ענגלאַנדס, פראַנקרײַכס אינטערעסן, ניט... אאוו.

„אָבער אלס אַלגעמיינע פאָרמולירונג, וואָס נעמט ארום יעדע פאָרם פון אָפּהענגיקײַט פונעם אונטערגעוואָרפענעם פאָלק פונעם הערשנדיקן, זײַנען אין דעם דאָזיקן געדאַנק פאַראַן געוויסע פעלערן“ (היילִיקמאַן).

מ׳וואָלט געקאָנט „פאַריכטן“, זאָגן: יעדע פאָרם, וו:אזוי דאָס אונטערגעוואָרפענע פאָלק איז אָפּהענדיק פונעם הערשנדיקן“, אאוו. ס׳לוינס אָבער נישט: דעם זאַץ דאַרף מען ארויסוואַרפן גאַנצערהייט: קיין טאָטער און קיין דאָקטער וועט אים ניט העלפן; פאַריכטן קאָן אים נאָר דער מאַלעכהאַמאָוועס. איך דאַרף נאָך דערצו זאָגן: איך האָב גענומען פון היילִיקמאַנס בוך איינעם אַן „עלעגאַנטן“ זאַץ. מ׳וואָלט געקאָנט ברענגען זאצן אין די צענדליקער, וואָס מ׳דאַרף אף זיי ברעכן דעם קאָפּ פּאָשעט צו דערגרונטעווען, וואָס היילִיקמאַנס איבערזעצער האָט געמיינט דערמיט. אין א סאַך פאַלן וועט איר דאָס נישט דערגיין אויך, סײַדן איר וועט דעם זאַץ פריִער איבערזעצן וואָרט בא וואָרט אף רוסיש.

קורץ, פּאָטער ווערן פונעם ווילדן „פון“, אָפּטמאָל פון דעם צוויי־דרײַפירגאָרנדיקן „פון“ אין איין זאַץ, אין איין שורע, איז מעגלעך ניט אַנדערש, סײַדן פּאָטער ווערן פון דעם ווילדן זאַץ, פּאָטער ווערן פון דעם מעליצע־און טאַרגעם־לאָשן, וואָס פאַרוויסט די שפּראַך און דעם געדאַנק. מ׳מוז נעמען ראַמען אונדזערע מיסטשטאַלן, מ׳מוז דאָס טאָן סיסטעמאַטיש מיט אַלעמענס קויכעס. אָבער דאָס וואָלט שוין געווען צופיל פאַר א ספּעציעל „פון“־אַרטיקל.

ИДИШ—КЛЮЧ К ЕВРЕЙСКОЙ ЖИЗНИ

Евреи называют идиш מאַמע־לשון (мамэ-лошн), что значит «язык мамы». Идиш действительно является родным языком родителей большей части евреев во всем мире. В течение более тысячи лет он был языком самой большой и творчески наиболее активной группы еврейского народа. Он был разговорным языком миллионов евреев, выражал их надежды и страхи. В народных песнях и «неофициальных» молитвах он достигал большой эмоциональной глубины, как язык преподавания Торы, он приобрел точность для выражения интеллектуальных понятий.

Почти с самого начала на идиш существовала значительная литература, необязательно религиозная по характеру. На шестнадцатый век приходится расцвет этого раннего периода литературы на идиш. За последние сто лет еврейская литература на идиш пережила новый период расцвета, став выражением широкой гаммы художественных и интеллектуальных ценностей в контексте национальной и общечеловеческой культуры.

Многие идиоматические выражения на идиш свидетельствуют, что идиш является как бы «памятной книгой» еврейской истории. Возьмем, например, разговорное выражение האָבן צו זינגען און צו זאָגן — *«не видеть конца несчастьям»* (буквально — есть о чём спеть и рассказать). Оно ведет свое происхождение из эпохи средних веков, когда странствующие трубадуры «пели и рассказывали» героические эпические поэмы. Чем более увлекательным и драматичным было приключение, тем больше оно подходило для их истории, и

предположить, что кто-то будет «петь и рассказывать» о событии, означало указать на его необычность.

На идиш существует выражение מע זאָל אים אפילע ברענען און בראָטן (*даже если его будут жечь и жарить*). Оно указывает на методы инквизиции в средние века. Таким образом описывается непреклонная воля противостоять мучениям любого рода.

Интересно выражение, означающее *«в давнее время»* — מיילער סאָבעסקיס יאָרן (годы короля Собеского). Оно относится к эпохе польского короля Яна Собеского (1624—1696), который прославился своими многочисленными военными походами.

Выражение אָפּטאָן עמעצן אף טערקיש означает «поступить с кем-нибудь подло, нечестно», буквально — «отделать по-турецки». Здесь отразился печальный опыт жизни евреев под властью турок.

Традиционный еврейский образ жизни отразился в поговорках и метафорах. פירן שטרוי קיין מיצראַים: соответствует русскому *«ехать в Тулу со своим самоваром»*, буквально — *«везти солому в Египет»*. Источник этой поговорки — Библия. Что может быть более бесполезным, чем везти солому в Египет, где ее используют евреи для изготовления кирпичей по приказу фараона? רײַך ווי קוירער (קורח) — *богат как Койрах* (в русском переводе — Корей) восходит к талмудической легенде о богатстве левита Койраха, восставшего против Моисея в пустыне и наказанного тем, что под ним разверзлась земля. Выражение ווּעהאָרײַע [והראיה] (*это доказывает; из этого следует*) перешло в идиш из талмудических дискуссий. Прилагательное וואָכעדיק (*будничный*) происходит от слова וואָך — неделя и означает нечто обычное, в отличие от исключительного, праздничного — субботы. Таких примеров можно было бы привести еще множество.

Идиш не только отражает реальность жизни евреев, он был также важным средством создания еврейской

культуры. Возвышенные моральные заповеди еврейской религии остались бы в книгах или в головах ученых, если бы они не распространялись в народе проповедниками. (מאגידים). Занимаясь толкованиями закона, «магиды» создали своеобразную устную литературу на идиш. Если правы те ученые, которые считают, что мышление человека следует за ассоциациями и категориями, присущими его родному языку, то в таком случае, возможно, существенно, что на идиш понятие «красота» означает также «духовность». Так, א שיינער ייִד может означать не только «красивый еврей», но и «уважаемый, авторитетный еврей», так же, как א גוטער ייִד *(«хороший еврей»)* может означать также «святой, благочестивый еврей».

Несколько фраз на идиш включены в религиозный ритуал, например, מיר וועלן בענטשן *(мы будем произносить благословение)*. Многие народные молитвы, называемые טכינעס (תחינות) были составлены на идиш, в первую очередь для женщин.

Идиш служил также связующей нитью для евреев разных стран. После волны эмиграции евреев из Восточной Европы в Северную и Южную Америку, Южную Африку и Австралию идиш оставался живой связью между разбросанными общинами во всем мире.

(Uriel Weinreich. College Yiddish)

Не в бровь, а в глаз — **געטראָפן אין סאַמע פּינטל**

יידישע שפּריכווערטער און רעדנסארטן

(לויט איגנאץ בערנשטיינס בוך מיטן זעלבן נאָמען)

אויסזען — *выглядеть*

ער זעט אויס, ווי אן אויסגעווייקטער הערינג.

ער זעט אויס, ווי א שווארץ יאָר אין מילך געקאָכט.

אויסלערנען — *выучить*

מיט דער צייט לערנט מען א בער אויך אויס טאנצן.

אויסקערן — *мести (сор)*

ביים אויסקערן די שטוב געפינט מען אלץ.

אויער — *ухо*

די אויערן מוזן הערן, וואָס דאָס מויל רעדט.

שיק דיינע אויערן אין די גאסן (וועסטו הערן, וואָס די וועלט רעדט פון דיר).

אופשטיין — *вставать*

ער איז היינט מיט דעם לינקן פוס פונעם בעט אופגעשטאנען.

פרי אופשטיין און פרי כאסענע האָבן שאט ניט.

אומגליק — *беда, несчастье*

אז דאָס אומגליק דארף איינעם טרעפן, טרעפט עס אים אפן גלייכן וועג.

אומקאָוועד — *неуважение*

פאר אומקאָוועד אנטלויף, אָבער דעם קאָוועד לויף ניט נאָך.

איבערציילן — *пересчитать*

ער קען זיך זיינע ציינער אליין איבערציילן

(т. е. может обойтись без чьей-либо помощи)

ייִדישע אידיאָמען אין בילדער



ער מאכט זיך א הארץ

(*букв.:* Он себе делает сердце, т. е. успокаивает себя)

פארקלאפן דעם קאפ

(*Букв.:* Забить голову, т. е. заморочить себе голову)

פון די אויסלענדישע ייִדישע פעריאָדישע אויסגאַבעס

דאניִעל גאַליי

מיטן פּאָנעם פּאָרויס

איך וויל ווידמען א פּאָר געדאַנקען צו דער פראַגע, וויאַזוי, לויט מײַן מיינונג, דאַרף אויסזען די אַנטוויקלונג פון אָט דער יונגער קערפּערשאַפט אין פאַרלויף פון די קומענדיקע צוויי יאָר.

פאַרשטענדלעך, אַז אָט די אַנטוויקלונג איז אָפּהענגיק אין פּילזײַטיקע גוירמים[1] (געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע), אַף וועלכע כ׳וועל זיך אָפּשטעלן בא א באַזונדערער געלעגנהײַט. איצט וויל איך זיך פאַר־מעסטן מיט איין הויפּט־פראַגע: אָט די צענדליקער מיטגלידער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר הײַנטצוטאָג דעם העמשער־דאָר, צי וועלן זיי מאצליִער זײַן[2] צו

---

1 גוירמים [גורמים] — причины

2 מאצליִער [מצליח] זײַן — добиться успеха

פֿאַרוואַנדלען ייִדיש אין זייער אייגענער, אינטימער, טאָגטעגלעכער שפּראַך? וועט דאָס זײַן די שפּראַך, אין וועלכער זיי לעבן זיך אויס, רעדן, דענקען און שאַפֿן?

קיינער קאָן נישט געבן קיין פּאָזיטיוון ענטפֿער אױף דעם. די שוועריקײַטן זײַנען אומגעהײַער גרויסע, ווײַל אויפֿלעבן אַפֿסנײַ אַ שפּראַך איז קימאַט דאָס זעלבע, ווי אויפֿלעבן אַפֿסנײַ אַ פֿאָלק. איך וויל אָבער, באַלד פֿון אָנהייב, פֿעסט־שטעלן: לויט מײַן פֿאַרשטאַנד, דאַרף זיך דער העמשעך־דאָר[3] טאַקע פֿאַרמעסטן מיט אָט אָ־דער פֿראַגע, מיט אָט אָ־דעם געראַנגל. די אױפֿגאַבע אַליין באַרעכ־טיקט שוין אונדזער קיִעם[4].

געוויס זײַנען דאָ צווישן אונדז געטרײַע כאַוויירים[5], וואָס טראַכטן, אַז ס'איז אומעגלעך אָנצוהאַלטן ייִדיש צווישן די נײַע דוירעס אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך. זיי גלייבן נישט אין דעם, און זייער הויפּט־אַרגומענט, וועלכן מע קען נישט לײַכטזיניק מעוואַטל זײַן[6], איז, אַז נישט די גערעדטע שפּראַך איז וויכ־טיק, נאָר איר גײַסט, איר אינהאַלט — דער טאַמציס[7] פֿון ייִדישקײַט.

איבערהויפּט אין ערעץ־ייִסראָעל[8], וווּ די הערשנדיקע שפּראַך — איוורית — איז פּאָרט אַ ייִדישע שפּראַך, זאָגן זיי: לאָמיר זיך קאָנצענטרירן אין פֿאַר־שפּרייטן די גײַסטיקע ווערטן, איבערזעצן די ליטעראַרישע שאַפֿונגען און אי־בערגעבן די נײַע דוירעס דעם אינהאַלט פֿון דער רײַכער אשקענאַזישער קול־טור־יערושע[9] אױף איוורית.

וואָס איז אױף דעם מײַן ענטפֿער? אויב ס'וועט זיך שאַפֿן אַן אוואַנגאַרד, ס'הייסט, אַ ראַדיקאַלע און אָרגאַנישע געזעלשאַפֿט, וואָס רעדט און אָטעמט ייִדיש טאָגטעגלעך, בלויז זי קען גאַראַנטירן, אַז די גײַסטיקע ווערטן זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו ברייטערע קרײַזן אין אַן אאַוטענטישן און איבערצײַ־

3	העמשעך־דאָר [המשך־דור]	молодое поколение
4	קיִעם [קיום]	существование
5	כאַווײרים [חברים]	товарищи
6	מעוואַטל [מבטל] זײַן	отменить
7	טאַמציס [תמצית]	суть
8	ערעץ־ייִסראָעל [ארץ־ישראל]	традиционное название Палестины
9	קולטור־יערושע [ירושה]	культурное наследие

געוודיקן אויפֿן. אזא קרײַז, וואָס בויט זיך אויס אױף פֿעסטע יעסוידעס[10] (און אין אונדזער פֿאַל מיינט דאָס א פּערזענלעכע, פֿולע און באַוווּסטזיניקע אידענטיפֿיקאַציע מיט דורעס ייִדיש־שאַפֿן און געשיכטע), בלויז אזא געזעלשאַפֿט וועט זײַן בעקויעך[11] אָנשטעקן אַלע אַרומיקע מיט א נײַעם גלויבן אין אונדזער צוקונפֿט און אײגענע קויכעס[12].

אויב מע איז פֿון פֿאָרויס מעוואַטער[13] אױף דעם לעבעדיקן שפּראַך־יעסאָד (די קאַוואַנעס קענען זײַן די שענסטע און די בעסטע), וועלן דערמלט אונדזערע קויכעס זיך זייער שנעל צעפֿאַלן און אָנשטאָט דעם, אז מיר זאָלן א האַשפּאָע האָבן[14] אױף דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט, וועלן מיר אינגיכן פֿאַרלוירן גיין און זיך אַליין ניט דערקענען...

לויט דעם צוגאַנג וועט מע איז מעוואַטע[15] אױף א לעבעדיקן ייִדיש (וועט גײַסטיקע ווערטן זען אויס ווי אן אָביעקט), דאַרף דער העמשעך־דאָר שפּילן א ראָליע פֿון א פֿאַרמיטלער אין איבערפֿירן אָט דעם אָביעקט פֿון איין זײַט צו דער צווייטער. לויט מײַן צוגאַנג, זײַנען געזעלשאַפֿט, גײַסטיקע ווערטן און שפּראַך אָרגאַניש געבונדן. מע קען זיי ניט צעטיילן. זיי דאַרפֿן אויסגעפֿורעמט ווערן אין זייערע שעפֿערישע, קעגנזײַטיקע אינטעגראַציעס.

פֿאַרשטענדלעך, אז ס'לויערט א סאַקאָנע[16] אױף יעדער ראַדיקאַלער גרופּע, אז אין פֿאַרלויף פֿון דער צײַט זאָל זי איזאָלירט און אַטראָפֿירט ווערן. איז וויכטיק צו באַטאָנען, אז דער טנײַ[17] פֿאַר א געזונטער אַנטוויקלונג פֿון אזא ייִדיש־רעדנדיקער געזעלשאַפֿט, ווי איך שטעל זיך פֿאָר, איז איר קעסיידער־דיקער[18] וואַקסן און פֿאַרשפּרייטן זיך, וואַקסן אין גײַסט, וואַקסן אין מענטשן און וואַקסן אין האַשפּאָע אויסצוקריסטאַליזירן דעם גײַסטיקן פּאַרצעף[19] פֿון הײַנטצײַטיקן ייִדישן קיִעם.

10	יעסוידעס [יסודות]	основания
11	בעקויעך [בכוח]	в состоянии, в силах
12	קויכעס [כוחות]	силы
13	מעוואַטער [מוותר] זײַן	уступить, поступиться
14	האַשפּאָע [השפעה] האָבן	иметь влияние
15	מעוואַטע [מבטא] זײַן	выражаться
16	סאַקאָנע [סכנה]	опасность
17	טנײַ [תנאי]	условие
18	קעסיידערדיקער [כסדרדיקער]	непрерывный, постоянный
19	פּאַרצעף [פרצוף]	лицо (*перен.*)

אַ לעצטע באַמערקונג צו דעם פּונקט. דער ראַדיקאַליזם, צו וועלכן איך שטרעב, מיינט ניט זיך אָפּזאָגן פֿון באַניצן זיך מיט דער לאַנד־שפּראַך (איבער־הויפּט אין אונדזער פֿאַל אין ייִסראָעל), ווו די לאַנד־שפּראַך איז דאַפֿקע איווריט, אַ יעסוידעסדיקער[20] אינטעגראַלער קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש, איך בין דאָס מעכייעוו[21], ווײַל בלויז דורך דער לאַנד־שפּראַך איז הײַנטצוטאָג מעגלעך צו שאַפֿן די ערשטע קאָנטאַקטן און אַ פּרוכטבאַרן דיאַלאָג מיט ברייטערע ייִדישע קרײַזן. נאָר די קאָנטאַקטן קענען גיכער זיך צעוואַקסן, אויב זיי שפּאַרן זיך אָן אין אַ צענטער, ד.ה. דער ייִדיש־איבערלעבונג, דעם אַשקענאַזישן באַוווסטזײַן, דעם געפֿיל פֿון מיטבאַטייליקונג אינעם ייִדישדרענעסאַנס, וואָס קומט פֿאָר אין אונדזערע טעג איבער דער גאָרער וועלט.

אויב ס'וועט אונדז געלינגען צו פֿאַרוואַנדלען פּאַסיווע ייִדיש־ליבהאָבערס אין אַקטיווע ייִדיש־ליבהאָבערס, איז צו האָפֿן, אין אַ העכערער שטופֿע, אַז די נײַע אַקטיווע אָנהענגערס וועלן צוזאַמענקלײַבן אַרום זיך נײַע, פּאַסיווע אָנהענגער, און די ראָד וועט זיך ווײַטער ציִען און פֿאַרשפּרייטן. פֿון פּאַסיווע צו אַקטיווע, און נאָכאַמאָל צו נײַע פּאַסיווע — יעדעס מאָל אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם און באַדײַט.

ווער ווייסט? עפּשער[22] וועט די צוקונפֿטיקע ייִדיש־רעדנדיקע געזעלשאַפֿט, וואָס איך שטעל זיך פֿאָר, טראָגן אַלע באַמיִונגען, באַשטיין בלויז פֿון אַ פּאָר צענדליק איבערגעגעבענע ייִדן. נאָר מיר שטרעבן צו דעם, אַז די קליינע אין צאָל געזעלשאַפֿט זאָל זייער הויך אָפּגעשאַצט און אָנערקענט ווערן דורך גאַנץ אם ייִסראָעל[23]. יעדער ייִד זאָל שטאָלצירן מיט זײַן לאָשן, מיט זײַנע גוטע מידעס[24], טראַדיציעס און שעפֿערישקײַט. ווײַל ס'איז ניט קיין איניען[25] פֿון אַ פּערזענלעכן אייגנטום פֿון די אָדער יענע יעכידים[26] טשודאַקעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרליבט אין מאַמע־לאָשן. אויב ס'וועט געפֿירט ווערן אַ קאָנסעקווענטער

---

20 יעסוידעסדיקע [יסודות־דיקער] — основной

21 מעכייעוו [מחייב] זײַן — быть обязанным

22 עפּשער [אפשר] — возможно

23 אם ייִסראָעל [עם ישראל] — еврейский народ

24 מידעס [מדות] — свойства, качества

25 איניען [ענין] — предмет, дело

26 יעכידים [יחידים] — одиночки, единицы

קאַמף, וועלן אַט די יעכידים און דער העמשעך־דאָר, אַלס אַקטיווער און אָר־גאַניזירטער פֿאַקטאָר בעראָש[27], פֿאַרנעמען אין אונדזער געזעלשאַפֿט דאָס בעקאָוועדיקע[28] אָרט, וואָס ס'קומט זיי.

עמעס, מאָשיִעכס צײַטן[29] זעען אויס זייער ווײַט פֿון אונדז... נאָר דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאַרפֿן זיך אָפּזאָגן פֿון מעקײַעם זײַן[30] אונדזערע מיצוועס[31] און אונטערשטעלן אַ פּלייצע באַם אויסבויען אונדזער אייגנאַרטיקע ייִדיש־רעדנדיקע געזעלשאַפֿט. לאָמיר ריידן ייִדיש, טראַכטן אַ ביסל אויף ייִדיש, ווײַטער צו געניסן פֿונעם שיינעם און האַרציקן קלאַנג פֿון מאַמע־לאָשן. אַ גרויסער טייל פֿון די, וואָס זײַנען גלײַכגילטיק צו אונדזער ניגן[32], וועלן ווײַטער בלײַבן אָפּגעפֿרעמדט. מײַן אינטויִציע זאָגט מיר אָבער, אַז ס'וועלן זיך געפֿינען אַזעל־כע, וואָס וועלן זיך צו אונדז דערנעענטערן, צולייגן אַן אויער, זיך אָנהייבן דערמאָנען אין זיידע־באָבעס, זיך שטעלן פֿראַגן און אַנטוויקלען אַ פֿרײַנטשאַפֿט מיט אונדז. דאָס וועט זײַן אַ פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין גרענעצן און טראָגט זיך איבער אָקעאַנען און קאָנטינענטן, ביז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען פֿאַר זיי אַליין וועט שווער זײַן זיך אײַנהאַלטן, און סאָפּקאָלסאָף[33] וועלן אַרויסזאָגן דאָס ערשטע ייִדישע וואָרט... פֿאַר דער רעגע[34] אַליין איז שוין קעדײַ צו האָרעווען בעמעשעך[35] פֿון לאַנגע יאָרן. עפּשער קלינגט דאָס מאָד־נע, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? ס'זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס גלייבן אין דעם...

(ייִדיש־וועלט, אַפּרעל 1989)

27	בעראָש [בראש]	во главе
28	בעקאָוועדיקע [בכבודיקע]	почётный
29	מאָשיִעכס [משיחס] צײַטן	времена прихода Мессии (*перен.* — далекое будущее)
30	מעקײַעם [מקיים] זײַן	осуществлять
31	מיצוועס [מצוות]	добрые дела
32	ניגן [ניגון]	песня, мотив
33	סאָפּקאָלסאָף [סוף כל סוף]	в конце концов
34	רעגע [רגע]	момент
35	בעמעשעך [במשך]	в течение

לערער פון ייִדיש־קורסן:
מיר טיילן זיך מיט אונדזער דערפאַרונג

ליובע פוטליק

אונדזער ייִדיש־קרײַזל

איך ווייס, אייגנטלעך, ניט ווי אָנצורופן די גרופּע קינדער, וועלכע איך לערן ייִדיש. עפּשער איז עס א פֿאַרשול, עפּשער א זונטיק־שול, עפּשער א קלאַס אָדער א קרײַזל. נו, זאָל דער נאָמען זײַן „א קרײַזל", סאָפּקאָלסאָף, פֿון דעם נאָמען בײַט זיך דאָך גאָרנישט ניט!

און דער אָנהייב פֿון דער ארבעט איז געווען אזא.

אין יול פֿון פֿאַריקן יאָר איז פֿאָרגעקומען די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם לעטלענדישן ייִדישן קולטור־פֿארבאַנד (ליקול). שפּעטער, אין האַרבסט, אַז ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן די ארבעט, איז געגרינדעט געוואָרן אויך א בילדונגס־קאָמיסיע, און איך בין געוואָרן אירער א מיטגליד. אויף עטלעכע זיצונגען פֿון דער קאָמיסיע האָט מען גערעדט וועגן א מעגלעכקייט צו עפֿענען א ייִדישע שול אָדער ייִדישע קלאַסן, עס זײַנען געווען אויך פֿאָרשלאָגן וועגן א זונטיק־שול אָדער א פֿאַקולטאַטיוו אין געוויינלעכע שולן. צום באַדויערן, איז מען ווײַטער פֿון רייד ניט געגאַנגען, כאָטש דער אָנפֿירער פֿון דער קאָמיסיע כאָנע ברעגמאַן האָט ניט איין מאָל געהאַט געשפּרעכן אין בילדונג־מיניסטעריום, ווו אַלע האָבן באַשטעטיקט — „יאָ, יאָ!" — אָבער ווײַטער ניט א שריט. ס'איז שוין געווען אָקטיאַבער, נאָיאַבער, און דאַן האָב איך זיך געווענדט אין דער קאָמיסיע מיט א פֿאָרשלאָג: ביז וואָס־ווען, ביז מע וועט עפֿענען קלאַסן אָדער א שול, וואָלט איך געגרן אָנגעהויבן פֿון א מינימום: כ'וואָלט אָרגאַניזירט א

קינדער־גרופּע, און מיר וועלן רעגולער לערנען ייִדיש. מע דאַרף נאָר געפינען א לאָקאַל, וווּ מיר וואָלטן זיך געקאָנט צוזאַמענקומען.

און א לאָקאַל האָט מען פאַר אונדז געקראָגן — צווערשט ניט קיין באַקוועמען, מיט א שלעכטער באַלײַכטונג און ווייניק אָרט, דערנאָך, א סאַך שפּעטער, א גרויסן צימער אין אַן אָוונט־שול, וווּ מיר קלײַבן זיך צונויף יעדן זונטיק אינדערפרי, און איך אונטעריכט ייִדיש.

איצט קאָנט איר פרעגן, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט זוכן א פּלאַץ, אויב ס׳איז שוין געגרינדעט געוואָרן דער קולטור־פאַרבאַנד? די זאַך איז אין דעם, וואָס מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט באַקומען אין אונדזער רעשוס די געבײַדע פונעם אַמאָליקן ייִדישן קלוב, איבער וועלכן מע פירט שוין א לאַנגע צײַט א קאַמף. מיר האָבן דאָרט דערווײַל באַקומען א מעגלעכקײַט אויסצוניצן בלויז עטלעכע צימערן א פּאָר מאָל אין וואָך. און דאַפקע זונטיק, ווען אַלע קינדער זײַנען פרײַ פון דער שול, האָבן מיר ניט אַזא מעגלעכקײַט.

מיט איין וואָרט — א לאָקאַל האָט מען פאַר אונדז געפונען, און אפן מעלדונגס־טאָוול פון אונדזער פאַרבאַנד האָב איך אויסגעהאַנגען א קליינעם פּלאַקאַט וועגן דעם, אז עס ווערט געגרינדעט א ייִדיש־קרײַזל פאַר קינדער פון דעם צווייטן־פערטן קלאַס.

און שטעלט זיך פאָר — עס זײַנען געקומען אַרום צוואַנציק קינדער, און ניט נאָר פון די אָנגעוויזענע קלאַסן, אויך פּאָרשול־קינדער און שילער פונעם פינפטן, אַפילע זעקסטן קלאַס, דערבײַ נאָך מיט טאַטעס, מאַמעס אָדער מיט ביידע צוזאַמען.

...דאָס איז געווען א ווינטערדיקער טאָג, אָנהייב דעקאַבער, ס׳האָט שטאַרק געשנייט, די קינדער האָט מען געבראַכט פון ווײַטע ראַיאָנען פון ריגע, געפירט מיט טראָליבוסן און אויטאָבוסן. איך האָב אַפילע ניט דערוואַרט, אז ס׳וועט גלײַך זײַן אַזא אינטערעס, ווײַל, צום באַדויערן, איז אין ריגע, וווּ אַמאָל זײַנען געווען א סאַך ייִדישע שולן, א ייִדישער טעאַטער, ייִדישע צײַטונגען און פאַרשיידענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, אַלץ פאַרניכטעט געוואָרן אין דער צײַט פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע, אין סטאַלינס צײַטן. און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז גאָרנישט ניט געווען אויפגעשטעלט...

איך האָב די קינדער באַגריסט מיט אַזעלכע ווערטער: „גוט־מאָרגן, מײַנע ליבע קינדערלעך!“, און גלײַך איבערגעזעצט און אונטערגעזאָגט, ווי זיי דאַרפן מיר ענטפערן: „גוט־מאָרגן, לערערן!“, און פון דאַן הייבט זיך אַלעמאָל בא אונדז אָן די שאָ מיט אַזא קעגנזײַטיקער באַגריסונג.

איך סטאַרע זיך צו פירן די לימודים אף אַזא אופן, אז פאַר די קינדער זאָל יעדעס מאָל זײַן אינטערעסאַנט. לעמאָשל, איך האָב זיי שוין אפן ערשטן לימעד געזאָגט אף ייִדיש, אָבער מיט אַן איבערזעצונג אין רוסיש:

— קינדערלעך, וואָס האָב איך אין מײַן זעקעלע?! אַן אַס! — און אַרויסגענומען פֿון מײַן שוואַרצן זעקעלע אַ גרויסע בלאַט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעצייכנט אַ געדרוקטער „אַלעף".

איך האָב דערקלערט, אַז דאָס איז אַ געדרוקטער אַס, און אַ שרײַבעלעכן וועל איך זיי אָנשרײַבן אויפֿן טאָוול. דערנאָך האָב איך דערציילט, אַז ייִדישע אויסיעס אונטערשיידן זיך שטאַרק פֿון רוסישע און לאַטײַנישע, דערבײַ שרײַבט מען ייִדיש פֿון רעכטס אויף לינקס.

ווי אין אַ שפּיל, האָב איך געפֿרעגט נאָכאַמאָל:

— וואָס האָב איך אין מײַן זעקעלע?! נאָך אַן אַס! — און אַרויסגענומען אַ בלאַט מיט אַ געדרוקטן „מעם" און אָנגעשריבן אַ „מעם" אויפֿן טאָוול.

פּונקט אַזוי האָב איך שוין אויפֿן ערשטן לימעד געוויזן אַן „אײַען", צונויפֿגעשטעלט דאָס וואָרט „מאַמע" און אָנגעשריבן דאָס אויפֿן טאָוול מיט גרויסע שרײַבעלעכע אויסיעס. דערנאָך האָבן די קינדער אַלע אינאיינעם דורכגעלייענט דאָס וואָרט „מאַמע", און נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך באַקאַנט מיטן אַס „טעס", — אויך דאָס וואָרט „טאַטע".

נאָך אַ זאַך האָב איך דערקלערט די קינדער: אַזוי ווי יעדער ייִדישער אַס האָט אַ נאָמען — ניט ווי אין רוסיש אָדער לאַטײַניש, — און די נעמען פֿון די אויסיעס איז ניט אַזוי לײַכט צו געדענקען, וועלן מיר דערווײַל זאָגן נאָך דעם קלאַנג: „אַ" „ב", „וו".

צום סוף פֿונעם לימעד האָבן מיר אויסגעלערנט אַ ייִדישע זינגליד:

באם ברעג שטעטל
שטייט א שטיבל
מיט א גרינעם דאך,
און ארום דעם שטיבל וואקסן
ביימעלעך א סאך.

